# דברי מוסר והתעוררות

## שהשמיע כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

## בדרשת ז׳ אדר תשפ״ג לפ״ק

**אין לך דבר שעומד בפני הרצון • הקרירות לתורה ומצוות • השפעת האב על בני ביתו בשבתות קודש • להיות נכנע וכפוף לדעת תורה • תפקיד ההורים וצוות הישיבות והכוללים ליתן חיזוק תמידי לבני הנעורים • והיה מחניך קדוש • הפירצות במלבוש השייט״ל • כלי הסמארטפאו״ן ותוצאותיו • להתבונן בתכלית החיים • לימוד התורה הבא לטהר מסייעין אותו**

**יוצא לאור ע״י מכון מעדני מלך וויען**

**מען** געפינט ביי יתרו, נאכדעם וואס ער איז זיך געקומען מגייר זיין, און ער האט געוואלט צוריקגיין צו זיך אהיים, האט אים משה רבינו געזאגט (במדבר י-כט), נוסעים אנחנו אל המקום אשר אמר ה׳ אותה אתן לכם, דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט ארץ ישראל, אונז גייען מיר אהין יעצט, לכה אתנו והטבנו לך, קום מיט מיט אונז, אונז וועלן דיר גוטס טון, כי ה׳ דבר טוב על ישראל, דער אייבערשטער האט גערעדט גוטס אויף אידן. ויאמר אליו, האט יתרו געענטפערט, לא אלך, איך גיי נישט, כי אם אל ארצי ואל מולדתי אלך, איך וויל אהיימגיין. ויאמר, האט משה רבינו ווייטער געזאגט, אל נא תעזוב אתנו, לאז אונז נישט איבער, כי על כן ידעת חנותנו במדבר, דו ווייסט וויאזוי אונז לעבן מיר דא אין מדבר, וויאזוי אונז רוען דא אין דעם מדבר, והיית לנו לעינים, און דו וועסט זיין פאר אונז צו די אויגן. זאגט רש״י כל דבר ודבר שיתעלם מעינינו, וואס אונז וועלן מיר נישט וויסן, וואס ס׳וועט נתעלם ווערן פון אונזערע אויגן, תהיה מאיר עינינו, וועסטו אונז ליכטיג מאכן אונזערע אויגן.

**עס** איז א געוואלדיגע פלא. ס׳איז דא משה רבינו, דער רבי פון אידן, וואס דער אייבערשטער רעדט צו אים פנים אל פנים, וואס ער דארף קען ער אנפרעגן ביים אייבערשטען, ווען מ׳פרעגט אים עפעס, זאגט משה רבינו עמדו ואשמעה מה יצוה ה׳ לכם (במדבר ט-ח), איך וועל פרעגן דעם באשעפער, דער באשעפער וועט מיר ענטפערן. זיי דארפן האבן אן אלטן גוי יתרו, וואס איז געקומען ביי די הונדערט יאר זיך מגייר זיין, ער איז דאך שוין געווען איבער הונדערט יאר דעמאלטס, משה רבינו זיין איידעם איז שוין געווען דעמאלטס אכציג יאר, ער איז נאך געווען פון די שלשה יועצים וואס פרעה האט געהאט ביי די גזירה פון הבה נתחכמה לו, וואס איז נאך געווען אין אנהייב פון שיעבוד פון אידן, און כל ימיו איז ער געווען אן עובד ע״ז, אזא מענטש דארף מיר אונז האבן, ער זאל מיטקומען מיט אונז, אז כל דבר שיתעלם מעינינו, אז וואס אונז וועלן נישט וויסן, הוא מאיר עינינו, וועט ער אונז ליכטיג מאכן די אויגן? עס איז נישט דא ביי וועם זיך צו לערנען? ביי משה רבינו קען מען נישט וויסן וואס מ׳האט צו טוהן? מ׳דארף פרעגן יתרו דעם אלטן עובד ע״ז ער זאל זאגן וואס אונז זאלן טוהן?

**וואס** איז די סיבה וואס משה רבינו איז אים מסביר און ער זאגט אים, אל נא תעזוב אותנו, לאז אונז נישט איבער, כי על כן ידעת חנותינו במדבר, ווייל דו ווייסט אז אונז האבן מיר גערוהט אין מדבר, נו וואס האט צו טוהן רוען אין מדבר מיט דעם אז יתרו זאל זיי נישט איבערלאזן?

### חיי בעל תשובה שקידש שם שמים ברבים

**עס** קען זיין פשט, ס׳איז אוועק דאס יאהר א איד וואס

ס'איז דא זייער אסאך וואס זיך צו לערנען פון זיין לעבן, פאר יעדן איינעם. ער איז געווען פון די גרעסטע מחזירי תשובה וואס איז דא אין היינטיגן דור. ער האט געהייסן ר' אורי זוהר ז"ל. וואס האט זוכה געווען אז זיין צווייטע העלפט פון זיין לעבן, ער איז אוועק א זקן, ארום ניינציג יאר, האט ער זוכה געווען די לעצטע העלפט פון זיין לעבן, מקדש זיין שם שמים ברבים! ארויסצוגיין פון די פינסטערניש וואו ער האט געלעבט אלע יארן, צו א ליכטיגקייט. און במשך פון די יארן, האט ער צוגעצויגן צו זיך צענדליגער טויזנטער אידן, ברודער'ס וואס בלאנדזשען אין די גוי'ישע וועלט, און ער האט זיי צוריק מקרב געווען לאבינו שבשמים.

**דער** איד איז געבוירן געווארן אין א שטוב פון נישט ערליכע עלטערן. ער האט נישט געוויסט גארנישט פון אידישקייט. זייער ווייט פון אידישקייט. ער איז ערצויגן געווארן, און ער איז געווארן אן אקטיא"ר אין די פארוויילונג'ס פלעצער אין ארץ ישראל. ער איז געווען דער נומער איינס! דער העכסטער וואס איז דא ביי זיי, אין אלע פארוויילונגס ערטער, טעלעוויזיע, ראדיא שאוס. און אזוי האט ער געלעבט ביז ער איז געווען איבער פערציג יאר אלט.

**ער** האט פארציילט שפעטער [ווען ער האט זיך געטוישט], אז אין די טעג האט ער געהאט כל תענוגי עולם הזה. וואס מ'קען זיך נאר ווינטשן, האט ער געהאט. געלט, כבוד, ס'האט אים גארנישט געפעלט. אבער ער האט זיך געטראפן ליידיג! ער האט נישט געהאט קיין סיפוק אין זיין לעבן, און זיין תוך תוכו איז געווען ליידיג פון יעדע תוכן'דיגע זאך.

**אמאל** איז אים אויסגעקומען צו זיין ביי א סעודת ברית פון זיינס א חבר וואס איז געווארן א בעל תשובה. ער האט דארט אנגעטראפן א רב רבי יצחק שלמה זילבערמאן ז"ל. און ער האט ביי אים נושא חן געווען, און ער האט זיך אנגעהויבן מקרב צו זיין צו אים, און אזוי האט ער צוביסלעך אנגעהויבן געוואויר צו ווערן אז ס'איז דא ערליכע אידישקייט.

## האושר האמיתי בשמירת דרכי התורה

**אמאל** ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון דעם שטוב פון דעם הרב זילבערמאן, האט אים דער רב געזאגט, זאלסט וויסן אז איך בין דער גליקליכסטער מענטש [האט דער רב געזאגט אויף זיך] וואס איז דא אין די וועלט! מיר פעלט גארנישט! - האט ער אים צוריק געענטפערט: וואס רעדסטו? איך וואוין אין א גרויסע ווילא אין יפו, און דו וואוינסט דא אין א אלטע חורבה'דיגע דירה, דיר פעלט גארנישט..?! מיר פעלט גארנישט..

**אבער**, ברבות הזמן האב איך געזעהן [אזוי פלעגט ער צו פארציילן], איך האב געזעהן אז ער איז גערעכט. אים פעלט גארנישט, **דער אמת איז מיט אים, אז דער וואס גייט אויף דרכי התורה פעלט גארנישט! איך האב אנגעהויבן צו פארשטיין, אז ס'איז דא א באשעפער וואס האט באשאפן די וועלט; די וועלט איז נאר א דורכגאנג; ס'איז דא א גן עדן; ס'איז דא א גיהנום; די וועלט איז נישט הפקר; ס'וועט קומען אמאל א צייט וואס מ'דארף געבן דין וחשבון אויף וואס מ'האט אפגעטוהן אויף די וועלט. איך האב אנגעהויבן מכיר צו זיין אז איך לעב אין א פאלשע וועלט!** - אבער וואס קען איך טוהן..? ווי איז מיר מעגליך איך זאל טוישן מיין מהלך החיים וואס איך בין צוגעוואוינט, פערציג יאר בין איך דער פאפולערסטער מענטש אין דעם לאנד, ס'איז נישט מעגליך...!

**ביז** איך האב מקבל געווען אויף מיר איינמאל, איך גיי אנהייבן צו טוהן כאטשיג איין מצוה, און דאס וועל איך מקיים זיין אין אלע אומשטענדן. וואס איז געווען די מצוה? איך האב גענומען אויף מיר, איך גיי צינדן ערב שבת ליכט מיט א ברכה. ס'איז א קליינע מצוה, ס'נעמט צוואנציג סעקונדעס, איינמאל אין דער וואך, ער גייט צינדן ליכט. און אזוי האט ער אנגעהויבן. נאכדעם האט ער אנגעטוהן ציצית אונטער די קליידער [ער איז דאך נאך געווען צווישן זיי]. ער האט אנגעהויבן צו דאווענען א תפלה קצרה, כאטשיג א פאר ווערטער יעדן טאג געדאווענט.

**ביז** א שיינעם טאג האט ער זיך אויפגעשטעלט אויף די ראדיא, אויף דעם פראגראם וואס ער האט גערעדט יעדן טאג, און ער האט זיי געזאגט: איך וויל ענק איינמעלדן, היינט איז מיין לעצטער טאג וואס איך שטיי דא פאר ענק, איך גיי אנהייבן צו לערנען תורה.., איך גיי מיר טוישן מיין צורה, איך גיי מיר אנטוהן א קאפל, איך גיי

מיט ציצית, איך וועל גיין מיט בארד און פיאות, איך לאז איבער אלעס וואס איז געווען ביז יעצט..!

**כמובן,** אז ער איז געווארן ללעג ולקלס צווישן זיינע חברים, און ער האט זיי געענטפערט, איך האב יעצט געטראפן דעם דרך האמת, אויב איך גיי בלייבן דא ווייטער אזוי, איז עס נאר ווייל איך שעם מיך פון ענק, איך האב דעם פחד איבערצולאזן וואס איך האב זיך געפירט ביז יעצט, די בושה דערפון, איך וועל אבער לעבן אין א פאלשן לעבן. איך בין גרייט אלעס צו טוישן!

**ס'איז** געווען זייער שווער אויף אים [איך פארצייל עס, פשוט מ'זאל זיך לערנען] ס'איז אים געווען זייער שווער, ווייל זיין ווייב און קינדער האבן נישט געוואלט מיטגיין מיט אים. האט ער געמוזט נעמען פאר זיך א ווינקל ביי זיך אינדערהיים אין דער קאך, וואס דאס האט ער געהאלטן פאר כשר, ער האט זיך געקאכט פאר זיך, ער האט זיינע כלים געהאט דארטן. ער האט געמוזט צוקוקן וויאזוי די גאנצע בני בית עסן טריפות, נבילות, בשר בחלב, א.א.וו. - ביז צום סוף האט ער אויף זיי אויך משפיע געווען, אז זיי האבן זיך אויך געטוישט, און זיי זענען געווארן בעלי תשובה.

## במקום שבעלי תשובה עומדים

**וואו** ער איז געגאנגען שפעטער, וואו ער איז אנגעקומען, אויף וועלכע סביבה, האט ער משפיע געווען, ווייל ער איז געווען א איש מפורסם וואס יעדער האט אים געקענט, און מ'האט אנגעהויבן אים נאכצוגיין, ער האט אנגעהויבן אויפצוקלערן אידישקייט, און הונדערטער און טויזנטער מענטשן האבן אנגעהויבן נאכצוגיין נאך אים. ער האט געמאכט פארשידענע ארגאניזאציעס פאר תינוקות שנשבו זיי באלייכטן מיטן אור התורה.

**ביז** ער האט איבערגעלאזט דעם פלאץ וואו ער האט געוואוינט, ער איז ארויפגעגאנגען אויף ירושלים, און ער האט אנגעהויבן צו לערנען תורה מיט חברותות א גאנצן טאג פון צופרי ביז ביינאכט! זיין סדר היום איז געווען, ער איז יעדן צופרי, ביז סוף ימיו, איז ער אויפגעשטאנען האלב פינף, פיר דרייסיג, ער האט געדאווענט ותיקין, און ער האט זיך געזעצט לערנען, און אזוי האט ער ממשיך געווען כל ימיו עד יום מותו. - און ער פלעגט אפצורעכטן סעמינארן פאר די פארבלאנדזשעטע נשמות, ער האט מחזיר געווען בתשובה צענדליגער טויזנטער אידן.

**ווען** ער איז אלט געווארן אכציג יאר, האט די מידיע געמאכט א פראגראם לכבודו [ער איז דאך אמאל געווען ביי זיי א גרויסער מענטש], און ער האט זיך אויפגעשטעלט און ער האט געזאגט: היינט איז מיין יום הולדת. איך בין היינט אלט געווארן "פערציג יאר"! האט מען אים אויסגעבעסערט, "אכציג יאר". זאגט ער ניין, ס'איז נישט קיין טעות. **מיינע ערשטע פערציג יאר איז נישט געלעבט, היינט איז מיין פערציגסטע געבורטס טאג! דאס וואס איך האב געלעבט ביז יעצט, די ערשטע פערציג יאר, רעכן איך נישט אריין אין דעם מספר פון מיין לעבן.**

**האט** מען אים געפרעגט, ווי קענסטו אזוי זאגן, דו ביסט דאך געווען דער "כוכב" אין דער מדינה, ס'האט דיר גארנישט געפעלט? האט ער געזאגט, נאר דער וואס איז דאס אדורכגעגאנגען, ער האט געהאט אלעס און ער האט עס אוועקגעווארפן, ער קען שפירן דעם טעם רוחני וואס איז דא אין א אידיש לעבן, און ער קען פארשטיין וואס איך זאג, פאר אן אנדערער קען איך עס נישט מסביר זיין, איך קען עס אים נישט געבן צו פארשטיין.

**האט** מען אים געפרעגט דארטן, צי וואלט ער מוותר געווען אמאל א תפילת מנחה צו א מעריב פאר א מיליאן דאלער? האט ער געענטפערט: ס'איז אינגאנצען נישט קיין דמיון א מיליאן דאלער מיט א מנחה צי א מעריב! **א תענוג פון געלט איז פארגענגליך, ער וועט זיך עס נישט מיטנעמען אין הר המנוחות, די תפלה וואס איך וועל דאווענען, דאס איז נצחי, איך קען נישט אויף דעם מוותר זיין.**

**צום** סוף, זיינע לעצטע צען יאר פון זיין לעבן, ער האט חתונה געמאכט שוין אלע קינדער, האט ער געוואוינט אין א קליינע דירה, ניינציג סקווער פוס! דאס איז געווען זיין גאנצע דירה וואס ער האט געוואוינט. פון צופרי ביז ביינאכט איז ער געזעסן אין ביהמ"ד און ער האט געלערנט.

**מ'האט** אים געפרעגט פארוואס ער ליגט אזוי אין לערנען? זאגט ער, איך גיי דאך באלד איבערלאזן די

וועלט, איך וויל נישט אז אויפן עולם העליון זאל איך שטיין אויף די פארענטשעס פון די צדיקים אין דער זייט, איך וויל קענען זיצן ביים טיש אויך צוזאמען מיט זיי! ווייל איך מקדיש זיין יעדע מינוט פון מיין לעבן כדי צו שטייגן אין תורה. און ער האט זוכה געווען אריינצוכאפן וואס ער קען אין תורה ומעשים טובים, און ער איז געווען אן אור, אורי זוהר, א אור זוהר, א ליכטיגקייט וואס לייכט ווי די זון.

## אין לך דבר שעומד בפני הרצון

**וויפיל** מוסר השכל קען מען זיך אראפלערנען פון דעם וואס איז נוגע פאר אונז. **ס'איז קיינמאל נישט צו שפעט! דער יצר הרע זאל נישט אוועקשטופן דעם מענטש און זאגן, איך בין שוין אדורכגעגאנגען מיינע יונגע יארן, איך ווייס דאך וויאזוי איך האב מיך אויפגעפירט,** איך האב שוין פארפאסט מיין לעבן, התחיינה העצמות היבשות האלו, איז נאך מעגליך אז מיינע עצמות זאלן אויפלעבן?

**זאגט** מען אים, איך וועל דיר ווייזן א דוגמא, א לעבעדיגע דוגמא פון א מענטש, פערציג יאר האט ער נישט געוויסט פון קיין אידישקייט צו זאגן, און ער איז געלעגן אין די טיפסטע זומפ וואס איז דא אין טומאה, און נישט נאר ער איז געווען דארטן, ער איז געווען דער "סטא"ר" צווישן זיי, די געהויבענסטער, ער איז געשטאנען ברום המעלות, געלט, כבוד. און ער האט אלעס איבערגעלאזט און זיך געזעצט לערנען תורה אין די איבריגע טעג וואס ס'איז אים נאך געבליבן. און ער האט זוכה געווען אליינס מזכה זיין את הרבים פון די גדולי מחזירי תשובה אין היינטיגן דור.

**א** מענטש זאל נישט זאגן: "איך קען נישט טוישן מיין סדר החיים". אין לך דבר שעומד בפני הרצון. אז דו ווילסט קענסטו עס טוישן! נישטא א זאך וואס א מענטש קען נישט טוישן. און ווען ער איז געקומען צו די החלטה אז תורה איז די אמת'דיגער וועג, וויאזוי מ'דארף זיך צו פירן, און ס'איז דא א דין וחשבון, אויף יעדע זאך וואס איך וועל טוהן וועל איך אמאל אפגעבן א חשבון פאר'ן אייבערשטן, איז ער געווען גליקליך איבערצולאזן זיין גאנצע עוה"ז וואס ער האט שוין געהאט אין די הענט, כדי זיך מדבק זיין אין תורת חיים!

**ס'איז** דא אסאך וואס קענען טראכטן אמאל, אז די תורה איז א עול אויפן מענטש, ס'צוימט אים, ס'טוט אים מצמצם זיין, ער קען נישט גיין אחרי שרירות לבו, ער קען נישט טוהן וואס ער וויל, ער קען נישט גיין דא, ער קען נישט זעהן, ער קען נישט אנקומען ווי ער וואלט וועלן געוואלט. ווי גוט וואלט געווען ווען ער וואלט זיך געקענט משתעשע זיין אין די גוי'אישע וועלט, אביסל ארויסגיין און זיך אונטערהאלטן דארטן...

**אונז האב מיר א מוסר השכל פון איינעם וואס קומט שוין פון דארטן. ער איז שוין געווען דארטן. ער האט שוין טועם געווען יעדן טעם של איסור וואס איז דא אין תענוגי עולם הזה, און ער האט אלעס אוועקגעווארפן, ווייל ער האט זיך געטראפן אז ער געפינט זיך אין א ליידיג לעבן! ער לעבט ווי א בהמה, וואס עסט און טרינקט און גייט זיך נאך נאך זיינע תענוגים! ער האט אלעס איבערגעלאזט און ער האט זוכה געווען שפעטער משיג צו זיין א טעם רוחני אין תורה.** וואס די תורה דאס איז דרכיה דרכי נועם דאס איז דער זיסער וועג, און נאר ווער ס'גייט בדרכי התורה איז דער גליקליכער וואס אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא.

**ער** פלעגט צו זאגן, איינער וואס איז געבוירן געווארן אין א חרדי'שע שטוב, אין א ערליכע שטוב און ער פירט זיך בדרכי התורה, מיינט ער, אז ער וועט האבן אסאך א גרעסערן שכר פאר זיין עבודת ה' ווי ער, וואס ער איז א בעל תשובה און ער האט איבערגעלאזט אלעס. זאגט ער, ווייל דער וואס האט נאך נישט טועם געווען דעם טעם פון תענוגי עוה"ז, האט א געוואלדיגען נסיון, ער טראכט אייביג, "דארט ליגט דער גליק, און איך בין נאך נישט אנגעקומען אהין, אז איך זאל עס קענען טועם זיין.." און אפילו הכי איז ער זיך מתגבר אויפן יצר, ניין! איך גיי נישט, און איך גיי זיך פירן ערליך.

**אבער** איך [זאגט ער] וואס איך קען שוין יענע זייט, איך קום שוין פון דארטן, איך קען די גוי'אישע וועלט וואס איז ליידיג פון יעדן תוכן, און ס'איז נישטא וואס צו געפינען דארטן, פאר מיר איז נישט קיין חידוש אז איך פיר זיך אויף ווי ס'דארף צו זיין. אבער דער ערליכער, וואס האט דאס נאכנישט טועם געווען, דאכט זיך אים אז דארט וועט ער נאך טרעפן עפעס, און ער האט אן עבודה זיך מתגבר צו זיין ער זאל נישט אהין גיין..

**מ׳זאגט** נאך אויף רבי חיים קרייזווירטה ז״ל דער אנטווערפענער רב, ער האט אמאל געטראפן דעם הרב זילבערמאן, און ער האט אים געזאגט, אויב איר זענט אזוי פעהיג און איר האט געקענט דעם אורי זוהר צוריק ברענגען צו אידישקייט, קענט איר דאך פאר מיר אויך איבערגעבן עפעס א דרך התשובה, אז איך זאל אויך קענען תשובה טוהן.

**האט** ער אים געענטפערט, ניין. אייך קען איך נישט העלפן, פאר אים האב איך געקענט העלפן. פרעגט ער פארוואס? זאגט ער, **ווייל מחזיר זיין לתשובה א מענטש באמת, מוז דער מענטש קודם מכיר זיין אז ער האט געלעבט אין שקר, ווען ער איז מכיר אז ער האט געלעבט אין שקר, דעמאלטס קען ער זיך טוישן.** איר זענט אבער נאך נישט מכיר אז איר האט געלעבט אין שקר ביז יעצט, ווייל איר גייט דאך נישט מבטל זיין אלע עבודת ה׳ וואס איר האט געטוהן ביז יעצט, איר ווילט נאר בעסער ווערן פון וואס ס׳איז געווען, דאס קען איך נישט. איך קען נאר העלפן פאר איינעם וואס האט שוין אנערקענט און ער האט שוין פארשטאנען אז די וועלט איז גארנישט, און ער וויל אנהייבן צו גיין אויפן דרך אמת, דעם קען איך העלפן. ווען א מענטש איז אבער צופרידן ביי זיך, ס׳איז גוט אזוי אויכעט, איך קען ווערן בעסער, דעם איז שווער אז מ׳זאל אים קענען ארויסהעלפן.

## ישראל בכניסתם לארץ הוצרכו לדוגמא חי
## שלא ליגרר אחר מעשי הגוים

**נחזור** לענינינו, אידן זענען געווען אין מדבר, זיי האבן זיך געפינען דארטן ברום המעלות, מ׳האט געזעהן ניסים ונפלאות פונעם אייבערשטן אין מצרים, מ׳האט געזעהן ביים ים נאך מער ניסים, זיי האבן געזעהן התגלות אלקית אויפן בארג סיני, כביכול דער אייבערשטער איז אראפגעקומען און געגעבן אונז די תורה, מ׳זיצט אין א מדבר אפגעטיילט פון אומות העולם, מ׳זיצט אונטער ענני הכבוד פון די שכינה, מ׳עסט מן לחם אבירים לחם שמלאכי השרת אוכלים, מ׳זיצט אין כולל א גאנצן טאג, ס׳איז נישטא וואס צו טוהן אין מדבר, מ׳זיצט אין ביהמ״ד פון צופרי ביז ביינאכט און מ׳לערענט, דאס איז ביז יעצט.

**אבער** זיי שטייען יעצט ארויסצוגיין פונעם מדבר, אריינצוגיין אל ארץ נושבת, אין א געהעריגן לאנד, מען גייט יעצט איינעמען ארץ ישראל און זיך באזעצן דארטן, ס׳גייט זיך פאר זיי עפענען פאר זייערע אויגן א נייע וועלט וואס זיי האבן נישט געזעהן די לעצטע פערציג יאר. מ׳גייט אנהייבן צו זעהן וויאזוי דער גוי לעבט, חיי אומות העולם, ארץ הכנעני החיתי והאמורי, וואס רש״י זאגט, אז ס׳איז געווען מעשיהם מקולקלים יותר מכל שאר האומות (ויקרא יח-ג), די געמיינסטע גוים גייען מיר יעצט אדורכגיין און מ׳גייט זעהן וויאזוי זיי פירן זיך. מ׳גייט יעצט ארויס פון ביהמ״ד, פונעם מדבר וואס מ׳איז געזעסן מ׳האט געלערענט, מ׳גייט אנהייבן עוסק צו זיין בישוב העולם, מ׳דארף מיישב זיין די וועלט, פרנסה, עס איז נישטא קיין מן מער. מ׳וועט דארפן אנהייבן איינצופלאנצן און מאכן געשעפטן. ס׳איז דא א גרויסער חשש ווען מ׳קומט ארויס פון א עולם של תורה, און די יונגווארג וואס איז דארטן הייבט אן צו זעהן די גוי׳אישע וועלט, מ׳הייבט אן ארויסצוקומען פונעם ביהמ״ד זיך דרייען צווישן גוים און זעהן וויאזוי זיי פירן זיך, אז ס׳וועט איבערלאזן א געוואלדיגן רושם אויפן מענטש.

**דאס** איז ביי אונז אלע. מען לערענט אין ישיבה מ׳איז אפגעזונדערט פון די וועלט, מ׳האט חתונה, זיצט מען אין כולל, ס׳איז זייער גרויס דער נסיון ווען מ׳דארף איבערלאזן דעם כולל, און ארויסצוגיין אויף דער גאס, און אנהייבן צו קוקן וויאזוי דער גוי לעבט, און האבן שייכות מיט דעם גוי אין די ארבעט א.א.וו.

**משה** רבינו ווארענט אידן און ער זאגט זיי (דברים כט-טו), כי אתם ידעתם את אשר עברנו בקרב הגוים אשר עברתם, עטס ווייסט׳ס דעם וועג וואס עטס זענט׳ס אדורכגעגאנגען צווישן די גוים ווען מ׳האט איינגענומען עבר הירדן, ותראו את שקוציהם ואת גלוליהם, דו האסט געזעהן זייערע עבודה זרה׳ס, פן יש בכם איש או אשה אשר לבבו פונה היום מעם ה׳ אלקינו ללכת לעבוד את אלהי הגוים ההם, אפשר איז דא צווישן ענק איינער א משפחה וואס וויל גיין דינען ע״ז אזוי ווי זיי דינען. השמר לך פן תדרש לאלהיהם לאמר, דו וועסט זאגן, איכה יעבדו הגוים האלה את אלהיהם, ואעשה כן גם אני (שם יב-ל). יא, אז מ׳זעהט וויאזוי יענער פירט זיך, ס׳ברענגט אראפ דעם מענטש. און אז ס׳ברענגט אראפ, טראכט מען אסאך מאל ואעשה כן גם אני, איך וויל אויך אזוי טוהן. איז דא א חשש ווען די יוצאי המדבר

וועלן ארויסגיין, אז זיי זאלן נישט נכשל ווערן ווען מ׳גייט ארויס יעצט, ווען מ׳גייט זעהן די וועגן פון די גוים.

**וואס** איז די עצה דערויף? זיי דארפן האבן א ׳אורי זוהר׳ דארטן. זיי מוזן האבן איינעם וואס איז שוין דאס אלעס אדורכגעגאנגען, און ער זאל זיי זאגן: ״טייערע קינדער, **איך קום פון דארטן, איך האב געזעהן אלעס וואס טוט זיך ביי זיי, איך האב שוין טועם געווען אלעס וואס דער גוי האט טועם געווען, און איך בין ענק מודיע עטס זאלט׳ס וויסן, אז זייער לעבן איז ליידיג פון יעדן תוכן, זיי זענען נישט קיין גליקליכע מענטשן**, זיי זענען דארשטיג, און זיי זענען הונגעריג פאר זייערע תאוות, וואס זיי קענען נישט האבן קיין זעטיגקייט, זיי קענען נישט האבן קיין מנוחת הנפש און א רוהיגקייט, זיי טרינקען געזאלצן וואסער וואס איז משביע אויף א קליינע צייט ווען מ׳טרינקט עס, אבער תיכף נאכדעם הייבט זיך אן די דארשט מתגבר צו זיין, ער דארף נאך, זיי געפינען קיינמאל נישט קיין סיפוק פון זייערע תענוגים״.

**אונז** דארפן מיר האבן א יתרו זאל מיטקומען מיט אונז. דער יתרו וואס איז זיך געקומען מתגייר זיין, דער אלטער גוי, כהן מדין, דער וואס איז געווען א פויבסט ביי זיי, וואס רש״י (שמות יח-יא) זאגט, אז ער האט מכיר געווען כל עבודה זרה שבעולם, אלע עבודה זרה האט ער געקענט, לא הניח עבודה זרה שלא עבדה, ער האט נישט איבערגעלאזט אן עבודה זרה וואס ער האט נישט געדינט, און ער האט נאכדעם אויסגערופן: ״עתה ידעתי כי גדול ה׳ מכל האלהים״ איך האב אלעס שוין געזעהן, איך בין מכיר אז ס׳איז דא איין באשעפער אויף די וועלט!

**האבן** זיי געזאגט פאר יתרו, אונז דארפן דיך האבן. דו דארפסט מיטקומען צוזאמען מיט אונז ווען אונז גייען ארויס פונעם מדבר. אונז דארפן האבן א מוסטער פאר אונזערע אויגן. אז אונז זאל מיר דערקענען, **אז ס׳איז נישטא קיין גליק אויף די וועלט, נאר א איד וואס איז א שומר תורה ומצוות! און ס׳איז א שאד אז מ׳זאל זיך פארפאטשקען דעם נפש מיט א זאך וואס שפעטער וועט ער געוואויר ווערן אז ער האט איבערגעלאזט א גאלדענעם לעבן פאר א נארישן ליידיגן לעבן.**

**יתרו** וועט אונז זאגן: טייערע קינדער, עטס זאלטס וויסן, עטס שטייט׳ס יעצט אויף דעם גליקליכסטע פלאץ וואס איז דא אויף די וועלט! דער מצב וויאזוי עטס קוקטס יעצט אויס, מ׳איז ארויס פונעם מדבר, נאך אזויפיל געטליכקייט, נאך אזויפיל עבודת ה׳ וואס מ׳האט געהאט דא, עטס זענטס די גליקליכסטע וואס איז דא, ביי די גוים וועט עטץ נישט טרעפן אזא גליקליך לעבן ווי עטס האט׳ס יעצט! זיי לעבן א חיי הבל אזויווי א בהמה, א ״עם הדומה לחמור״, ס׳איז א פאלק וואס איז דומה צו א חמור, ס׳איז נאר דומה צו א חמור, ווייל דער חמור איז אסאך בעסער פון זיי, דער חמור האט נישט קיין שכל שלעכטס צו טוהן פאר אנדערע, ער גייט זיך נאך זיינע תענוגים, אבער ער באדערט נישט קיינעם. דער גוי, ווען ס׳איז נוגע צו זיינע תאוות, איז ער גרייט צו טוהן אלעס אויף די וועלט שלעכטס, ער זאל קענען צוקומען דערצו. ער איז אסאך ערגער ווי דער חמור. ס׳איז נאר עם ״הדומה לחמור״ ער ענדעלט נאר צום חמור. אבער עטס זאלטס וויסן, אז ווען מ׳גייט אוועק פון דרכי התורה, עטס לאזט איבער א מים חיים כדי צו גיין צו חיי הבל.

**זאגט** משה רבינו פאר יתרו, איך בעט דיך אל נא תעזוב אותנו, לאז אונז נישט איבער, כי על כן ידעת חנותנו במדבר, דו ווייסט אז אונז זענען מיר דא אינעם מדבר אונז זענען מיר אפגעשיידט יעצט פון אלע פעלקער, נאר די תורה הקדושה דאס האבן אונז, מיט דעם לעבן אונז, אבער אונז שטיי מיר יעצט ארויסצוגיין פון דא זעהן די ארצות הגוים, לראות שיקוציהם וגילוליהם, און ס׳איז מעגליך אז ס׳וועט איינפאלן פאר איינעם און טראכטן, אפשר איז זייער סטייל פונעם לעבן זיסער און בא׳טעמ׳טער פון אונז, והיית לנו לעינים, אונז דארפן מיר דיך האבן פאר אונזערע אויגן, דו זאלסט אונז מאיר עינינו זיין, דו זאלסט אונז לעכטיג מאכן אונזערע אויגן, דו זאלסט אונז זאגן, ״איך קום פון דארטן, איך האב טועם געווען אלע ע״ז שבעולם, און איך זאג ענק, גדול ה׳ מכל האלהים! עטס שטייטס אויפן שענסטן פלאץ יעצט אין ענקער לעבן, און עטץ זאלטס זעהן פון מיר אז ס׳איז כדאי איבערלאזן כבודו של עולם [ווי יתרו איז געזעסן], און אריינקומען אין א מדבר מקום תהו צו לעבן א תורה׳דיגע לעבן״. והיית לנו, אונז דארפן מיר דיך האבן, לעינים, פאר אונזערע אויגן. אונז גיי מיר אנהייבן צו זעהן יעצט וויאזוי גוים פירן זיך, און ס׳קען אונז אראפשלעפן פונעם ריכטיגן

וועג, אונז דארפן דיך האבן פאר א ״מוסטער״ אז אונז זאל מיר נישט נאכגיין נאך די גוים.

## בימינו הוסר המחיצה המבדלת בין ישראל לעמים

**לענינינו,** אונז לעבן היינט אויסגעמישט מיט גוים אויף אזא וועג, וואס איז קיינמאל נישט געווען אין די היסטאריע, דער מצב וויאזוי אונז זענען היינט. ס׳איז אוועקגענומען געווארן די מחיצה וואס האט אמאל אפגעטיילט צווישן א איד און א גוי, עס איז בטל געווארן די מחיצה. אמאליגע צייטן האבן זיי אויפגעשטעלט די מחיצה. זיי האבן ממאס געווען אונז בפה מלא, זיי האבן נישט געוואלט האבן קיין שייכות מיט א איד, מ׳האט נישט געוואלט זיצן צוזאמען מיט אים, מ׳האט אים אראפגעקוקט ווי ער איז געגאנגען, מ׳האט אים באליידיגט ווי ער איז אנגעקומען. וואספארא הרחקה ס׳איז נאר געווען אין זייער הענט אפצושיידן דעם איד פון זיי, האבן זיי געטוהן.

**דא** איז א פרייע וועלט, אונז וואוינען היינט אין א מדינה, פון איין זייט האט עס מעלות, פון די אנדערע זייט, אונז ארבעטן צוזאמען מיט זיי, אונז זעה מיר זיי טאג טאג וואס זיי טוען, און וויאזוי זיי פירן זיך. נישט גענוג דאס, איז אויפגעקומען טעכנאלאגיע ס׳האט אונז נאך נאנטער געברענגט צו דעם גוי. מ׳קען היינט אריינגיין אין חדרי חדריהם, קענסט אנקומען צו דעם גוי נישט נאר אין זיין שטוב, נאר אין וועלכן שטוב דו ווילסט. דו קענסט האבן היינט א כלי ביי דיר אין טאש, און זעהן אלע תועבות הגוים ווי אזוי דער גוי פירט זיך. **אויב מ׳האט נישט קיין געהעריגע שמירה פאר זיך אויף זיינע כלים, וועט ער פאלן און ער וועט נתדרדר ווערן צוביסלעך. זיין אידישקייט וועט אפגעקילט ווערן, און ער וועט נישט זיין ענדליך צו דעם וואס זיינע עלטערן און זיינע זיידעס זענען געווען.**

## גודל הנסיונות של בחורי חמד בזמנינו

**היינטיגע** יונגווארג, בחורי חמד, האבן אזעלכע געוואלדיגע נסיונות, אז זיי זאלן קענען בלייבן הייליג און ערליך. **ס׳איז נישט געווען נאך אזא צייט וואס מ׳זאל אזוי אמת׳דיג קענען זאגן ״נוח לו לאדם שלא נברא משנברא״, חשוב׳ער וואלט געווען ווען ער וואלט נישט געבוירן געווארן. אזוי שווער איז אדורכצוגיין היינט דעם גלות.** און אז מ׳האט נישט קיין גדרים וסייגים וואס מ׳זאל זיך היטן, על כרחך וועט מען פאלן. ס׳איז נישט געווען נאך א דור וואס קינדער פון גוטע שטיבער, קינדער פון משפחות הגונות ומיוחסות, זאל ארויסגיין לתרבות רעה, אראפווארפן פון זיך דעם עול פון תורה. א גרויס חלק ווארפן עס אראפ אפענערהייט, און א גרעסערער חלק איז דא וואס באהאלטענערהייט האבן זיי אראפגעווארפן דעם עול תורה פון זיך. ער איז געבליבן מיטן לבוש, ער איז געבליבן מיט זיין צורה, מיט זיינע פיאות, חיצוניות אויסענווענדיג, אבער ער איז פארפוילט פון אינעווייניג. ס׳איז געוואלדיג גרויס די נסיונות היינט אז מ׳זאל זיך קענען האלטן ערליך.

## העוזבים דרכי התורה שבורים ורצוצים בתוך פנימיות לבם

**נו,** וועט מען דאך מיינען כאטשיג, זיי זענען אוועקגעגאנגען, זיי האבן עפעס מצליח געווען וואו זיי זענען אנגעקומען. זאל מען וויסן, די אלע האבן נישט געטראפן קיין סיפוק אין זייער לעבן, זיי האבן נישט געטראפן קיין ברואיגקייט וואו זיי זענען געגאנגען. **די אלע וואס האבן איבערגעלאזט די ישיבות און זענען אוועקגעגאנגען חבר׳ן מיט שוואכע חברים, די זענען תוך תוכם צעבראכענע כלים! זיי האבן נישט קיין רואיגקייט אין זיך. זיי זענען צעבראכן ביי זיך עד דכדוכה של נפש!** זיי האבן נישט קיין שבת. זיי האבן נישט קיין יום טוב. זיי האבן נישט קיין משפחה. זיי האבן נישט קיין ווייב און קינדער. זיי האבן נישט קיין געטרייע חברים וואס זאלן זיין אמת׳דיג נאנט צו זיי ארויסצוהעלפן איינער פארן צווייטן. ער ווארט דער טאג זאל אים שוין אדורכגיין, בוקר יאמר מי יתן ערב, צופרי ווארט ער ס׳זאל ווערן ביינאכט, ביינאכט ווארט ער שוין ס׳זאל ווערן צופרי.

**זייערע** תאות הגוף וואס זיי האבן זיך צוגעוואוינט, גייט ארויף הויכע שטאפלן, וואס זיי קענען עס נישט אייביג ערפילן וואס זיי וואלטן געוואלט. מוז ער דאך זיך מיט עפעס בארואיגן, הייבט מען אן צו נעמען דראג״ס [וואס מיט דעם ענדיגט זיך עס], כדי ער זאל זיך קענען בארואיגן, און ער זאל פארגעסן פון אלעם, ער זאל ווערן א יושב בטל כישן דמי, ער זאל קענען פארשלאפן דעם טאג. ווען ס׳וועפט אויס פון אים וואס ער האט גענומען, דארף ער דאך ווייטער, דאס רייצט דאך אן, ער ווערט דאך נאך מער דארשטיג, ער דארף נאך מער פון וואס ער

האט. ער האט דאך נישט קיין געלט דערויף, ווערט ער א גנב און א גזלן, ער הייבט אן מלסטים זיין את הבריות.

**החכם** עיניו בראשו! וואויל איז דער וואס האט שכל יעצט, בעפאר ער איז אדורכגעפאלן, בעפאר ער האט זיך צוגעטשעפעט צו די שלעכטע חברותא, **זאל יעצט באקוקן די תוצאות וויאזוי ער וועט אויסקוקן ווען ער וועט אוועקגיין, און טוהן וואס איז נאר מעגליך אין זיין האנט ער זאל נישט נמשך ווערן נאך זיינע אויגן.** ס'איז תחילתו מתוק וסופו איז עס מר כלענה. ס'איז אפשר זיס אין אנהייב, אבער נאכדעם איז עס ביטער ווי גאל.

## הקרירות ששורר גם אצל שומרי תורה ומצוות

**ס'איז** מקויים געווארן ביי אונז ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם, **ס'איז דא א געוואלדיגע קאלטקייט וואס איז אראפגעקומען אפילו ביי שומרי תורה ומצוות. אפילו ביי ערליכע אידן. די עבודת ה' ביי אסאך אירע איז געווארן כמצות אנשים מלומדה.** מ'שטייט אויף צופרי ער דארף אנטון טלית און תפילין, ער דארף האלטן שבת, און ער דארף שיקן דעם קינד אין חדר וכדומה. ער טוט וואס ער דארף צו טוהן, אבער ס'פעלט די הארץ, ס'איז אן א חיות, ס'איז אן א ווארימקייט, ס'פעלט די שמחה של מצוה, זיך פרייען אז איך קען טוהן דעם רצון ה'. א השתוקקות צו קענען מקיים זיין די מצות פונעם אייבערשטן.

**דער** פריער'דיגער דור, ס'איז געווען אנשים פשוטים א גרויס טייל, אבער זיי האבן געהאט אזא ווארימקייט צו יעדע דבר טוב פון אידישקייט. היינט איז עס אפגעקילט געווארן. מ'קומט אריין צום דאווענען, ער קען זיך זעצן אין די לעצטע שורה, דעם טלית אויפן רוקן, און אין א קורצע צייט געפינט ער זיך שוין נישט אין ביהמ"ד, ער האט שוין יוצא געווען די מצוה פון דאווענען אויכעט. ער האט נישט קיין סבלנות ממשיך צו זיין א לענגערע צייט.

## הנהוג לאחרונה לעזוב ביתו וסביבתו למרחקים בשבתות וימים טובים

**ס'קומט** א שבת, א יום טוב, א שענערע שבת, וואס איז א צייט וואס א מענטש דארף דעמאלטס שעפן חיות דקדושה אויף א גאנץ יאר שפעטער. וואס אמאליגע צייטן האט מען זיך געפירט, ערליכע אידן האבן איבערגעלאזט זייערע שטיבער זיי זענען געגאנגען צום רבי'ן, מ'איז אוועקגעגאנגען אין א חבורה פון חסידים ואנשי מעשה, צו א שבת צו א יו"ט, זאל איך עפעס קונה זיין. **היינט איז געווארן אן אנדערע וועלט, אנשטאט'ס זיך אוועקצוגיין שבת צו זיין ביי אן ערליכן איד, לאזט מען איבער אפילו דאס ביסל וואס מ'האט יא. ס'איז געווארן אן עול, ער וויל זיך באפרייען, ער לאזט איבער זיין שטוב, ער גייט ארויס אין די קאנטרי צו וואו ערגעץ אנדערש, ער וויל זיין איינציל פאר זיך אליין, קיינער זאל מיך נישט באדערן, איך האב א טאג פון מנוחה שבת און יו"ט זאל מיך קיינער נישט שטערן.** ער דארף דאך מנין אויכעט, ער האט א מנין אזעלכע פון זיינע חסידים וואס ער שלעפט זיי אויך מיט, ער מאכט זיכער ס'זאל זיין מנין אויף שבת ווי ער קומט אן. און אזוי ווי דער שבת קומט אזוי גייט עס ביי אים, דער פאר יו"ט, און דער נאך יו"ט, האט דעם זעלבן פנים ווי ער איז געווען פון פאר דעם.

**ימים נוראים! שוין די שענסטע העכסטע צייט פונעם מענטש, זענען דא וואס לאזן איבער זייער שטוב, לאזן איבער זייער ביהמ"ד, זייער דיבוק חבירים, ער וויל אנטלויפן, ווען ער וואלט געקענט פון זיך אנטלויפן, וואלט ער פון זיך אויך אנטלאפן, אבער ער איז צוגעטשעפעט צו זיך, און ער קען נישט פון זיך אוועקגיין. און אסאך מאל שעמט ער זיך, וואס טו איך דא? איז ער עס מלביש מיט א איצטלא דרבנן, איך גיי אויף מירון, איך גיי אויף קברי צדיקים, איך גיי דא וכדומה, ס'האט א גוטן פעקידז"ש ארום און ארום אויכעט, אז ס'זאל גרינגער זיך שפירן וואס ער טוט.**

## בין קרירות לכפירה יש מחיצה דקה כחוט השערה

**מ'זאגט** נאך פונעם מהרש"ב, האט ער געזאגט א מימרא, **צווישן קאלטקייט און כפירה איז דא א דינע מחיצה ווי א חוט השערה. צווישן כפירה און קאלטקייט צו אידישקייט, איז א קליינע דינע וואנט אזוי ווי א חוט השערה. וויפיל אמת ליגט אין דעם, דאס אפגעקילטקייט דאס איז דער אנהייב וואס א מענטש הייבט אן צו פאלן פון זיין אידישקייט.**

**אז** מ'איז מגדיר איינעם און מ'זאגט אויף אים, ער איז נישט אזוי שלעכט, ער איז אביסל קאָ"ל, ער טשילד"ט, דאס זענען נעמען וואס איז שכיח היינט צו זאגן. **ער קאָל"ט נישט! ער טשילד"ט נישט! ס'איז א לשון נקיה, "ער כופר'ט"!!** ער הייבט אן צוביסלעך איבערצולאזן זיין

אידישקייט, און דאס האט מען א נאמען געגעבן "אז ער קילט זיך אפ", ס'איז נאר א לשון נקיה, ווייל מען וויל עס נישט זאגן מיטן שם המפורש.

## החמימות לתורה ומצות שקבלו בני הנעורים בשנות קדם

**און** די סיבה דערפון איז, מ'זעהט א טייך ווינטער ווערט פארפרוירן, ס'ווערט אייז, מ'קען אפילו וואקן דערויף און אדורכגיין. פארוואס ווערט עס פארפרוירן, ווייל ס'שטייט אויף איין פלאץ, וואסער וואס ס'שטייט אויף איין פלאץ מ'טוט דערמיט גארנישט, ווערט ער פארפרוירן. א ים ווערט נישט פארפרוירן. א ים, אין די גרעסטע קעלט וועט זיין א ים, עס וועט נישט פרירן, פארוואס? ווייל ס'רוישט, ס'האט וואלן, ער רוהט נישט קיין מינוט, ער גייט און ער רוקט זיך פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, מ'לאזט אים נישט געבן די געלעגענהייט ער זאל קענען פרירן.

**אמאל, אין די פריערדיגע צייטן, האט יעדעס אידיש קינד באקומען א געוואלדיגע ווארימקייט פאר תורה ביי די עלטערן אינעם שטוב. זיי האבן געהאט פאר זיך א דמות פון זייערע עלטערן, וואס זייער גאנצער גליק אין לעבן איז געווען תורה ומצוות!** ער האט געזעהן ביי א טאטען, אן ערליכן טאטען, אן ערליכן איידן, וואס איז געווען זיין חיות?, טוהן א מצוה פאר'ן אייבערשטן, דאס איז געווען זיין חיות. מיט דעם איז ער אויפגעצויגן געווארן. מ'איז עלטער געווארן, ער האט געדארפט גיין אין ישיבה לערנען, האט ער געהאט פאר זיך אין ישיבה א דמות פון א גדול בתורה, א גדול בצדקות, וואס אין יעדע מקום איז געווען א אדם גדול אין די ישיבה וואס האט משפיע געווען זיין אור התורה, נישט נאר מיט דעם שיעור וואס ער האט געגעבן, נאר זיין גאנצער מהות איז געווען א דערהויבענער דמות. ס'האט איבערגעלאזט א געוואלדיגן רושם אויף דעם תלמיד וואס האט געלערנט ביי אזא דערהויבענעם רבי'ן, שפעטער ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון די ישיבה.

**אונזערע** עלטערן פלעגן צו פארציילן, אז ס'איז געווען די שווערע צייטן פון די מלחמה, [מ'רעדט דאך שוין צו א יונגן דור], וואס מ'איז דורכגעגאנגען, ס'איז שווער אפילו משיג צו זיין וויאזוי זיי האבן עס געטוהן, און זיי האבן אלץ געזאגט, וואס האט זיי מחזק געווען? וואס האט זיי געגעבן דעם חיזוק? ער האט זיך דערמאנט די צורה פון זיין רבי'ן איז געווען קעגן זיין פנים.. ער האט זיך דערמאנט די מאמע וויאזוי זי האט געוויינט ביי די ליכט וכדומה.. דאס האט זיי דערהאלטן צו אידישקייט.

**ער** האט חתונה געהאט, ער איז ארויסגעגאנגען שוין פון די ישיבה אויכעט, אפילו ער איז אוועקגעגאנגען וואוינען אין א אנדערע שטאט, האט ער געהאט אין יעדע שטאט א רב א ת"ח און א איש מורם מעם וואס מיט אים האט ער געדאווענט, און מיט אים איז ער געזעסן, און ער האט אים גע'פסק'נט אלע זיינע שאלות. **און אויף א פלאץ ווי ס'ברענט א פייער, ווערט נישט אפגעקילט! מ'האט געלעבט די גאנצע צייט, מ'איז ארומגענומען געווען מיט א ברען פון אידישקייט.**

## דרך השפעת ההורים על בניהם, ובפרט בשבתות קודש

**היינט** איז אן אנדערע וועלט געווארן. דער כובד הגליות האט צוגעברענגט, עלטערן זענען פארנומען, די ווארימקייט, זייער השפעה וואס זיי האבן אויף קינדער, איז היינט זייער זייער ווייניג וואס עלטערן האבן אן השפעה פון ווארימקייט אויף די קינדער. ישיבות איז דא אסאך וואס איז נישטא אין די ישיבה א דמות פון א אדם המעלה פאר די אויגן פאר די תלמידים. דער מגיד שיעור קען געבן זייער א פיינעם שיעור און א מופלא'דיגן שיעור, אבער נישט מער פון דעם, וואס דער תלמיד זאל קענען קונה זיין. נישט פון זיין דאווענען, נישט פון זיין הנהגה וויאזוי ער פירט זיך אויף, נישט פון זיינע מידות אז ס'זאל קענען זיין א טופח על מנת להטפיח. **און אז א בחור וויל שטייגן, מוז עס קומען פון די אייגענע כוחות. ער מוז זיך אליינס צוזאמנעמען, און ער מוז זיך אליין קענען מתגבר זיין, ער זאל ארבעטן אויף זיך, און נישט יעדער איז מסוגל ער זאל קענען שטייגן פון זיך אליין. ומהיכן ירק זה חי ?!** - דאס איז אין קורצן וואס האט צוגעברענגט דער טויש, פארוואס איז דא היינט אזא קאלטקייט אין די יוגנט.

**און** אז ס'האט געפעלט די ווארימקייט ווען ער האט חתונה געהאט אין די יוגנט, איז נאך די חתונה, קלויבט ער זיך אויס א ביהמ"ד וואס ס'וועט אים גארנישט מחייב זיין, ער דארף זיך פאר קיינעם נישט מכניע זיין, און אזוי צוביסלעך ווערט אפגעקילט זיין עבודת ה'.

**נו,** מ'מיינט זיך נישט אפצורעדן, אונז זוכן מיר תכלית. אויב אונז וויל מיר אז אונזערע קינדער זאלן שטייגן, זיי

זאל האבן א תשוקה און א ווארימקייט פאר תורה ומצוות, הייבט זיך עס אן קודם אין די שטוב. עלטערן דארפן געבן הארץ דערצו. וויאזוי קען איך אנווארעמען מיין שטוב, און דאס איז הייגט שייך נאר אין די שבתים. **די הייליגע שבתים אין שטוב דארפן זיין ברום המעלה אויפן העכסטן פארנעם. שירות ותשבחות זינגען מיט די קינדער, זאגן דברי תורה, זיך צוגרייטן יעדע וואך וואס גיי איך רעדן שבת ביים טיש, וואס וועט זיין דער נושא פון וואס דער שבת'דיגער טאג וועט אדורכגיין ביי מיר אינדערהיים. דאס וועט איבערלאזן א ווארימקייט אויף דעם קינד.** ווייל דאס וואס מ'האט אין שטוב דעם שבת, וואס דער שבת דערהייבט אים, דאס לאזט איבער די השפעה וואס עלטערן קענען האבן אויף קינדער.

## להיות מקושר עם חכמי ישראל ולקבל הדרכתם

**קינדער** דארפן זעהן אז זייערע עלטערן זענען מקושר מיט חכמי ישראל. מיין טאטע האט א רב, ער האט א רבי'ן, ער האט א דיין, וואס ער איז כפוף אונטער אים אויף יעדע זאך. יעדע זאך וואס דארף הדרכה האט ער געפרעגט, און ער טוט אזוי ווי מ'האט געהייסן אז מ'זאל טוהן. **א רב און א רבי איז נישט געמאכט געווארן אז ווען ס'ווערט געבוירן א מיידל זאל ער פרעגן צי זאל איך א נאמען געבן אסתר, צי זאל איך א נאמען געבן רחל! און ער איז נישט געמאכט געווארן, ווען דארף איך אפשערן מיין קינד, זונטאג צו מאנטאג! און ס'איז נישט געמאכט געווארן ווען זאל זיין די טאג פון די חתונה, צי צוויי טאג אין חודש צי דריי טאג אין חודש! נישט דאס איז טייטש א קשר וואס מ'האט מיט א רבי'ן. א קשר איז דער טייטש, א יעדע קליינע זאך, יעדע גרויסע זאך, פרעגט ער, און ער איז נכנע פאר דעת תורה.**

**דער** גרויסער דוד המלך וואס איז געווען לבי חלל בקרבי, ער האט זוכה געווען צו הרג'נען זיין יצה"ר, האט ער געזאגט, כל מה שאני עושה אני נמלך במפיבושת רבי, איך טו נישט קיין זאך אליין, דער גרויסער דוד המלך, ער האט זיין רבי מפיבושת אלעס האט ער געפרעגט און איך האב זיך נמלך געווען מיט אים (ברכות ד.).

**אז מ'שיקט א קינד לערנען אין א ישיבה, איז נישט גענוג אז די ישיבה איז א גוטע ישיבה. ער דארף טראכטן, ווען מיין קינד וועט ארויסגיין פון דארטן פון די ישיבה, וועט ער האבן איינעם מיט וועם ער וועט זיין מקושר, וועט ער האבן דארטן א רבי'ן א מורה דרך, וואס ער וועט זיין מקושר אין זיין טאג טעגליכן לעבן.**

**אז** מ'מאכט חתונה א טאכטער און מ'זוכט א בחור, איז נישט גענוג צו טרעפן א בחור וואס מ'זאגט ער קען גוט לערנען. **ער דארף מברר זיין אויף דעם בחור, צי ער האט א מורה דרך צו וועם ער איז מקושר אלע זיינע מעשים. און טאמער נישט, ער לעבט פאר זיך, זאל ער שטיין ווייט פון אזא שידוך.** ער מעג זיין א מופלג בתורה, אבער ס'פעלט אים ווארימקייט, ס'פעלט אים הכנעה, און נאך די חתונה וועט ער טון כל מה שלבו חפץ, און ס'וועט נישט זיין ווער ס'זאל אים קענען צוריקהאלטן.

## הבחורים והילדים צריכין לקבל חיזוק תמידי מאבותיהם ורבותיהם

**בחורים**, קינדער, דארפן באקומען חיזוק און עידוד פון עלטערן, און פון זייערע רבי'ס, פון זייערע מגידי שיעורים אין די ישיבה. זיי דארפן הערן א קאמפלימענט פון צייט צו צייט אויף א גוטע הנהגה וואס ער פירט זיך, אויפן לערנען וכדומה. און אפילו ס'איז א שוואך קינד, א שוואכער תלמיד, זאל ער זיך מתבונן זיין, וויאזוי קען איך אים געבן א גוטווארט אויף די מעלות וואס ער האט יא, יעדער מענטש האט געוויסע מעלות וואס מ'קען אים געבן חיזוק דערמיט. **איין גוט ווארט וואס ער הערט פון א טאטן, א גוט ווארט וואס ער הערט פון זיין מגיד שיעור, געט אים חיזוק און שטארקייט ער זאל קענען ווייטער ממשיך זיין און זיך אויפפירן נאך בעסער. ווען ער זעהט ער איז נושא חן אין די אויגן פון זיין טאטן אין די אויגן פון זיין רבי'ן, געט עס אים א געוואלדיגן שטופ ער זאל וועלן גיין ווייטער.**

**ס'איז** הפלא ופלא די גמרא, ס'איז דא א גמרא אין מסכת שבת (פט.), זאגט די גמרא, בשעה שעלה משה למרום, ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אויבן אין הימל, מצאו להקב"ה שהיה קושר כתרים לאותיות, דער אייבערשטער האט געקניפט כתרים קרוינען פאר די אותיות. און משה רבינו זעהט דעם אייבערשטן זיצן ער שרייבט כתרים לאותיות, און דער אייבערשטער רופט זיך אן, און ער זאגט אים, אמר לו, משה, אין שלום בעירך, ביי ענק גריסט מען נישט, ס'איז נישטא קיין שלום ביי ענק אין די שטאט, מ'געט נישט קיין שלום ביי ענק?

קומסט ארויף דא צו מיר אין הימל דו באגריסט מיך נישט? אמר לפניו, האט משה רבינו געענטפערט [דעם אמת] כלום יש עבד שנותן שלום לרבו? איך בין דאך א עבד, א עבד פאסט איך זאל באגריסן דעם רבי׳ן? אמר לו האט אים דער אייבערשטער געזאגט, איך האב נישט געמיינט גריסן דו זאלסט מיר זאגן גוט מארגן, היה לך לעזרני, דו וואלסט מיר געדארפט געבן הילף אין מיין ארבעט וואס איך טו. זאגט רש״י, לומר תצלח מלאכתך. וואלסט מיר געדארפט געבן א ברכה, רבוש״ע דו מאכסט א ארבעט יעצט, ס׳זאל זיין מיט הצלחה. דאס מעג א עבד זאגן פאר זיין רבי׳ן אויכעט. און דער אייבערשטער האט פארגעהאלטן פאר משה רבינו, אז משה רבינו היה לך לעזרני דו וואלסט מיר געדארפט העלפן, און זאגן מיר א גוט ווארט אויף וואס איך טו. מיד, די קומענדיגע מאל משה רבינו איז ארויפגעגאנגען, אמר לו, האט ער געזאגט פארן אייבערשטן, ועתה יגדל נא כח ה׳ כאשר דברת לאמר, ער האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פונעם אייבערשטן יגדל נא כח ה׳.

**א** געוואלדיגע פלא. דער אייבערשטער דארף האבן די הילף פון משה רבינו, היה לך לעזרני, דו דארפסט מיר געבן א פו״ש, און דו דארפסט מיר געבן א מוט, אז איך זאל קענען טון מיין ארבעט, און דער אייבערשטער איז מוכיח משה רבינו אז ער האט פארגעסן צו זאגן א קאמפלימענט צי א חיזוק אויף די זאך וואס ער האט געטוהן.

**נאר** דער אייבערשטער האט געלערנט משה רבינו, דרך ארץ קדמה לתורה. משה רבינו, דו גייסט ווערן א רועה ישראל, דו גייסט אראפ צו אידן און דו וועסט פירן אידישע קינדער, דו דארפסט צו ווייזן א וועג פאר כלל ישראל וויאזוי מ׳דארף זיך צו פירן, דו ביסט דער מנהיג און דער רבן של ישראל. זאגט דער אייבערשטער פאר משה רבינו, **ווען דו וועסט זעהן א איד טוט א דבר טוב, ווייז אים אז דו ביסט עס מחשיב! ווייז אים אז דו זעהסט אז ער האט געטוהן א גוטע זאך! זאג אים א גוט ווארט אויף וואס ער האט געטוהן!** היה לך לעזרני דו וואלסט מיר געדארפט צו העלפן, ווייל א דיבור טוב וואס מ׳זאגט אויף א זאך וואס א מענטש טוט, געט עזר, עס געט הילף און כח אז ער זאל קענען ממשיך זיין ווייטער. אפילו א בחור איז א מצויין, און אפילו א אדם גדול ביותר, האט דער אייבערשטער אונז געלערנט, אז פאר׳ן אייבערשטן כביכול דארף מען אויך זאגן א גוט ווארט.

**אדרבה**, אמאל איז דא וואס א שוואך קינד באקומט אסאך מאל יא א קאמפלימענט ווען ער טוט אמאל א גוטע זאך, אבער פאר דעם גוטן קינד, פאר דעם גוטן בחור, קען אדורכגיין א גאנץ יאר וואס דער רבי זאל נישט זאגן קיין איינמאל א ווארט, א גוט ווארט, אז ער האט געטוהן גוט, ווייל ער איז דאך אייביג גוט, נו וואס האט ער אים צו זאגן. און ס׳פעלט אויס, כדי אז מ׳זאל קענען אנגיין מיט די ארבעט, דארף א מענטש האבן שטענדיג חיזוק פון די רבי׳ס און פון די עלטערן.

## טוב המלבין שינים לחבירו יותר ממשקהו חלב

**די** גמרא (כתובות קיא:) זאגט, טוב המלבין שינים לחבירו, ס׳גוט ווען איינער געט א שמייכל פארן חבר, ווען ער עפענט זיך דאס מויל זעהט מען די ווייסע ציין, זאגט רש״י שמראה לו פנים שוחקות, ער ווייזט אים א גוט פנים, סאיז יותר ממשקהו חלב, ס׳איז מער ווי צו געבן מילך פאר יענעם, דעם שיינעם פנים וואס דו ווייזט אים, שנאמר ולבן שנים מחלב, דרשנ׳ט די גמרא ליבון שינים.

**ס׳איז** דא אבות דרבי נתן (יג-ד), המקבל את חבירו בסבר פנים יפות, אז מ׳נעמט יענעם אויף מיט א גוט פנים, אפילו לא נתן לו כלום, האסט אים גארנישט געגעבן, כאילו נתן לו כל מתנות טובות שבעולם. א גוט פנים פאר יענעם, א גוט ווארט פאר יענעם, איז מער ווערד ווי כל טובות שבעולם וואס דו וואלסט אים געקענט געבן.

**די מגידי שיעור אין א ישיבה, זענען די נאנסטע צום הארץ פון די בחורים. מיט איין גוט ווארט וואס ער זאגט פאר אים, קען ער אים דערהייבן דעם בחור, און ער קען אים געבן א חיות דקדושה.** ס׳איז דא אסאך בחורים וואס ס׳קוועטשט זיי זאכן אויפן הארץ, און ער האט נישט מיט וועם צו רעדן, ער האט נישט צו וועם ארויסצוגעבן. אמאל האט עס צו טוהן מיט די שטוב וכדומה, אמאל האט עס צו טוהן מיט חברים, אמאל האט עס רוחניות׳דיגע ענינים וואס ער דארף זיך פארמעסטן דערמיט. ער ווארט צו טרעפן איינעם דא אין די ישיבה וואו איך בין, צו וועם איך זאל זיך קענען אויסשמועסן, צו וועם איך זאל קענען עפענען מיין הארץ

און אים זאגן וואס ס׳קוועטשט מיך, און איך זאל קענען פון אים באקומען א גוט ווארט, נישט אייביג טרעפט ער עס. איינמאל הערט ער יא פונעם מגיד שיעור, ווען ער דארף אים עפעס קריטיקירן, דאס הערט ער יא! דו האסט נישט אזוי געטוהן, דו האסט נישט אזוי געטוהן. אבער דעם גוט ווארט, ווען ער טוט יא א זאך, דאס פארפעלט מען אים צו זאגן.

## תפקיד צוות הישיבה להמשיך התלמידים לתורה, ולחזקם בדברי עידוד תמיד

**א** ישיבה איז צוזאמגעשטעלט פון א גאנצן צוות, פון א גאנצע אפאראט. ס׳איז דא א מנהל. ס׳איז דא א משגיח. ס׳איז דא א מגיד שיעור צופרי. א מגיד שיעור ביינאכט. א שואל ומשיב. **אונטער די צוות הישיבה ליגן צענדליגער טויזענטער בחורים היינט אין זייערע הענט, איבעראל! די גאנצע נייער דור וואס ס׳וועט זיין, זיצן יעצט אין די ישיבות ביי די מגידי שיעור. אויף ענק ליגט א חיוב אויסצושטעלן דעם בחור. אים מדריך צו זיין. נישט נאר צו געבן א גוטן שיעור אין לערנען. נאר די גאנצע ווארימקייט פון אידישקייט ווענדט זיך אין די מדריכים וואס זיי האבן אונטער זיך. ס׳איז נישט אזוי ווי ס׳איז אמאל געווען אז טאטע מאמע האבן עס אריינגעגעבן אין די קינדער, און די ישיבה איז טאקע נאר געווען נייניציג פראצענט אויף לערנען. ס׳איז אנדערש היינט, מען באקומט עס נישט פון די עלטערן. די עלטערן פארלאזן זיך אז די ישיבה וועט שוין טוהן אלעס, דער מלמד וועט שוין טוהן אלעס, ער ווארפט אראפ דעם עול פון זיך אינגאנצן, און די קינדער בלייבן אינדערמיט, פון די עלטערן באקומט ער עס נישט, און אין די ישיבה באקומט ער עס אויך נישט, פאלן זיי אוועק.**

**אויסער** דעם תפקיד וואס זיי האבן צו לערנען מיט די תלמידים. געבן א געשמאקן שיעור כדי ממשיך צו זיין די הערצער צו תורה. דארף מען יעדן טאג נעמען א פאר מינוט, ס׳נעמט נישט קיין סאך צייט, א פאר מינוט אינעם טאג, אויסצוקלויבן איין בחור פון מיין רשימה אויף וועם איך האב אן השפעה דא, און רעדן מיט אים א פאר ווערטער. רוף אים אין די זייט, פרעג אים, וואס טוט זיך ביי דיר, וויאזוי גייט דיין גשמיות׳דיגער מצב? איז דא עפעס א זאך וואס איך קען דיר העלפן? געבן זיין הארץ צו טראכטן וואס קען איך אים זאגן עפעס א גוט ווארט וואס ס׳זאל אים דערהייבן, איך זאל וויזן אז ער איז חשוב אין מיינע אויגן. געבן די גוטע הרגשה. מ׳קען זיך נישט פארשטעלן דער חיזוק וואס א תלמיד באקומט מיט דעם.

**און** אזוי דארף די צוות פון די ישיבה אדורכגיין יעדן פון די רשימה פון די תלמידים, און עכ״פ איינמאל א חודש זאל ער קענען אנקומען צו יעדן תלמיד, איך האב עפעס גערעדט צו אים, איך האב אים געזאגט א ווארט וואס ס׳זאל אים קענען מחזק זיין. **איין ביסל ימין מקרבת, העלפט מער ווי אסאך דרשות וואס דאס קינד זאל הערן, ווייל ער וויל געפעלן שפעטער וואס ער באקומט א גוט ווארט פון די עלטערן, אבער ער באקומט עס פון די מגיד שיעור.**

**טוב** המלבין שינים לחבירו יותר ממשקהו חלב (כתובות קיא:), תורה איז נמשלה לחלב, ווען מ׳לערנט תורה מיט יענעם איז מען משקהו חלב, אבער טוב המלבין שינים לחבירו ממשקהו חלב, מ׳דארף אוועקגעבן צייט אויף דעם אויכעט, און כל שכן ווען ס׳איז דא ביידע, ער איז מלמדו תורה, ער איז אים משקהו חלב, און ער געט אויך דעם לבן שינים, ווי חשוב דאס איז.

**שטייט** אין די גמרא (סנהדרין יט:), כל המלמד בן חבירו תורה מעלה עליו הכתוב כאילו ילדו, ואלה תולדות אהרן ומשה, אהרן ילד, משה לימד, נקראו על שמו, א תלמיד ווערט אנגערופן א קינד. אז ער איז א קינד דארף מען זיך פירן אזויווי א קינד. **מיט א קינד פרעגט מען אלעס וואס ס׳פעלט אים אויס, מ׳זארגט זיך פאר אים, און מ׳שטעלט אים אויף די פיס, אזוי דארף זיין איינער וואס לערנט תורה מיט א צווייטן.**

**ווי** ס׳איז אויסגעשטעלט היינט, קען אמאל אדורכגיין א זמן, א גאנץ יאר, און אסאך מאל נאך מער, וואס קיין איינער פון די צוות הישיבה האט נישט גערעדט צו א טאטן פון א תלמיד אין משך פונעם יאר, א ווארט, קיין איין ווארט האט מען נישט פארטוישט מיט א טאטן פון א תלמיד. מ׳דארף אריין טראכטן, מיט א טירחא פון א פאר מינוט, וואלט ער געקענט אפקויפן דאס הארץ פון דעם תלמיד, מיט איין טעלעפאו״ן קא״ל וואס ער רופט אן דעם טאטן און ער זאגט אים, איך בין דא נאר דיר צו

מודיע זיין אז איך האב א גרויסע הנאה פון דיין זוהן! זאגן א מעלה אויף אים. ער לערנט, ער פירט זיך אויף ווי ס׳דארף צו זיין. ער פלאגט זיך אויף תורה. ביי יעדן תלמיד קען מען טרעפן א גוטווארט. וויפיל אהבה וואלט ער צוגעצויגן פון דעם תלמיד צו זיך, ווען דער טאטע זאגט אים, איך האב באקומען א טעלעפאו״ן קא״ל פון דיין מגיד שיעור, פון דיין משגיח, פון דיין מנהל, צי ווער ס׳זאל זיין, וואס האט מיר געזאגט א גוט ווארט אויף דיר. ער וואלט זיך מער אנגעשטרענגט ער זאל נישט פארלירן דעם חן וואס ער האט ביי זיי ביז יעצט.

**ווען מ׳געט פאר די מגידי שיעור צי פאר די משגיחים א ליסטע פון די תלמידים מיט די טעלעפאון׳ס פון די טאטעס, דאס איז נישט געגעבן געווארן נאר צו רופן דעם טאטן ווען ס׳איז דא א פראבלעם, צי ער זאל זיך קענען אפרעדן און קריטיקירן אז איך קען נישט האלטן מער דיין זוהן דא ווייל איך האב א פראבלעם מיט אים. דאס איז געגעבן געווארן אז דו זאלסט קענען זאגן א גוט ווארט אויף פאר זיי. א חיזוק און א עידוד צו דערהייבן דעם תלמיד.**

## על הראשי הכוללים לחזק האברכים בשבח לימודם

**מ׳האט** אנגעהויבן פון בחורים, ס׳גייט אריבער צו יונגעלייט אויכעט. א כולל. די ראשי הכוללים וואס צענדליגער און הונדערטער יונגעלייט גייען אדורך דורך זייערע הענט. איז נישט גענוג היינט מיט דעם וואס ער וועט זיי צושטעלן דעם סדר הלימוד וואס מ׳דארף צו לערנען. ער דארף וויסן אז מיט א פאר מינוט קען איך קונה זיין, און איך קען ארויסהעלפן, צו מאכן א קשר פון ליבשאפט מיט דער יונגערמאן. **רוב יונגעלייט וואס קומען אריין אין א כולל גייען אדורך שווערע זמנים ביז זיי זענען זיך מסדר געהעריג אין די שטוב נאך די חתונה. זיי דארפן האבן א גוט אויער וואס זאל זיי אויסהערן, אז זיי זאלן קענען ארויסגעבן וואס ס׳קוועטשט זיי. באקומען אן עצה, אן הדרכה. וויפיל יונגעלייט איז דא וואס לערנען תורה מתוך הדחק, זיי האבן נישט קיין פרנסה, עס טייער צו לעבן היינט, רענט איז טייער, די בני בית ברענגט נישט אריין גענוג וויפיל מ׳דארף צו האבן, און זיי ווילן נישט אוועקגיין פון די גמרא און זיי זיצן און זיי לערנען תורה, און זיי באקומען נישט קיין חיזוק און קיין עידוד אין גאנצן יאר אויף דעם וואס זיי טוען. ווי חשוב איז, מיט א פאר ווערטער וואס מ׳זאגט זיי א קאמפלימענט אויף זייער הנהגה און אויף זייער לימוד, באקומען זיי עידוד אז זיי זאלן קענען גיין ווייטער.**

**ולעת** מצוא מעג דער ראש הכולל אויפהייבן א טעלעפאון צו דעם טאטען פון א תלמיד פון א יונגערמאן, צו זיין שווער, און איבערגעבן, איך האב פאר דיר א גריס פון דיין זוהן, איך האב א גריס פון דיין איידעם, ער לערנט אין כולל ער איז שטארק מצליח. דאס געט זיי עידוד און חיזוק ווייטער פאר די עלטערן וואס פלאגן זיך אז די קינדער זאלן זיצן און לערנען, און ממשיך זיין זיי זאלן ווייטער אויסהאלטן די קינדער ווייל זיי זעהן דאך אז מ׳איז מצליח. - בעקיפין ברענגט עס שלום בית, ווען דער שווער פארציילט פאר זיין טאכטער איך האב באקומען א טעלעפאון קאל פונעם ראש הכולל וואס ער האט מיר געזאגט ווי שיין דיין מאן פירט זיך אויף א.א.וו.

**איך** ווייס פון א ראש הכולל, וואס ס׳איז אמאל געווען א בחינה אין א כולל, האט ער אנגערופן שפעטער א שווער פון איינע פון די יונגעלייט, און ער האט אים געזאגט, איך וויל דיר זאגן אז דיין איידעם האט זיך אויסגעצייכענט אין די בחינות, און ער זעהט א סימן ברכה אין זיין לערנען.

**האט** דער שווער אים געזאגט, פאר דעם ראש הכולל, זאגט ער, איך האב הנאה דו האסט מיך גערופן, ווייל איך האב פונקט געטראכט, שוין גענוג איך האב אים מחזיק געווען ביז יעצט, איך האב אים שוין גענוג אויסגעהאלטן, ס׳קומט מיר נישט אן גרינג איך האב אן עול, אבער אזוי ווי דו זאגסט מיר אז ער איז מצליח, איך נעם אויף מיר נאך א יאר וואס איך גיי אים לאזן, ווייטער אויסהאלטן ער זאל קענען זיצן און לערנען.

## חברים יחזקו זה לזה בכל עת מצוא

**ס׳איז** נוגע נישט נאר פאר כולל. חברים צווישן זיך, דארפן געבן א גוט ווארט איינער פארן צווייטן. איז דאס חברים אין ישיבה, בחורים, איז דאס יונגעלייט אין כולל. איז דאס חברים אין ביהמ״ד, דארף מען פרובירן ווי איך קען זאגן א גוט ווארט פאר׳ן חבר. **די תוצאות פון א גוט ווארט מאכט א געוואלדיגן רושם אז א מענטש זאל זיך**

**קענען מחזק זיין. מענטשן האבן ירידות, מענטשן האבן צייט וואס די מוט איז צעבראכן, און א גוט ווארט דערהייבט זיי!**

## הכרת הטוב לב"ב שטורחת תמיד בטירחא מרובה

**און** אז מ'רעדט שוין, **אין די שטוב אליין מיט די בני בית, דארף מען אויך נישט פארגעסן. מ'מעג געבן אמאל א קאמפלימענט אין שטוב פאר די בני בית.** זיין ווייב גרייט אים צו אין משך פונעם יאר בערך איבער פיר הונדערט סאפערס א יאר גרייט זי אים צו, נאר די סאפערס אליין. שבת, יום טוב. ס'קומט נישט אן גרינג. ס'איז א געוואלדיגע טירחא. ער זאל טראכטן, וויפיל מאל אין יאר האט ער שוין געזאגט פאר איר יישר כח ווי גוט ס'איז געווען די מאכלים וואס מ'האט צוגעגרייט, וואס זי האט זיך געפלאגט. זי פארדינט נישט אז זי זאל באקומען אמאל א גוט ווארט?! היה לך לעזרני, דו וואלסט מיך געדארפט ארויסהעלפן. מיט א גוט ווארט קען מען זייער ווייט אנקומען.

**ער** קומט אהיים און ער זעהט אז די שטוב איז צוזאמגענומען. ס'איז נישט אזוי גרינג צו האבן א צוזאמגענומענע שטוב ווען מ'האט א שטוב מיט קינדער, און די שטוב איז צאמגענומען, פארוואס קומט זיך נישט א גוט ווארט ווען מ'קומט אריין, ס'איז אזוי שיין די שטוב איך זעה דו האסט אריינגעלייגט אסאך ארבעט דערין. ס'איז נאר פשוט קליינינקייטן, אבער דער טוב מלבין שיניהם לחבירו ווי חשוב דאס איז, וואס עס קען אויפהייבן א צווייטן.

## מאורעות שונות עברו לאחרונה על הכלל ישראל

**עס** האט לעצטנס פאסירט אסאך אומגליקן אין כלל ישראל. ביי אונז אין די שטאט וויליאמסבורג, האט פאסירט א שריפה, ל"ע א אשה צדיקת איז אומגעקומען. אויסער אונזער שטאט, ס'איז פארברענט געווארן א משפחה, א טאטע מיט א מאמע מיט א קינד. מ'האט געשאסן א חתן א פאר טאג פאר די חתונה. אויסערגעוועגליך אינטערסאנטע מאורעות וואס ס'האט פאסירט. אין ארץ ישראל האט פאסירט אומגליקן פון טעראר, אידישע קינדער זענען אוועקגענומען געווארן. עס האט זיך פארברענט א ביהמ"ד מיט ספרי תורה, תפילין, מזוזות, כתבי קודש וואס איז דא אינעווייניג.

**שטייט** אין רמב"ם הלכות תענית (א-ג), ווען א מענטש וועט זאגן, דבר זה ממנהג העולם אירע לנו, יא ס'וועט פאסירן פייערס, ס'וועט פאסירן האל"ד-א"פ'ס, ס'פאסירט אזא זאך, ס'איז אויך געווען, ער איז געווען א קרבן ער איז אריינגעפאלן, וצרה זו נקרה נקרית, זאגט דער רמב"ם, די צרה האט פאסירט א מקרה, ס'האט פאסירט אזוי, הרי זו דרך אכזריות, ער איז אן אכזר ווען ער זאגט אזוי, וגורמת להם להדבק במעשיהם הרעים, דאס ברענגט אז מ'זאל זיך מדבק זיין אין די שלעכטע מעשים, ותוסיף הצרה צרות אחרות, זאגט דער רמב"ם, ס'וועט זיך נישט ענדיגן ביי דעם, אז מ'וועט נישט תשובה טון, וועט עס ברענגען פרישע צרות, הוא שכתוב בתורה והלכתם עמי בקרי והלכתי עמכם בחמת קרי, טייטשט דער רמב"ם אויב איך וועל ברענגען פאר ענק א צרה ער זאל תשובה טון, אז עטס וועטס זאגן קרי'ס ס'האט פאסירט א מקרה, וועל איך ענק ברענגען נאך אזעלכע מקרה'ס.

**אונז** גייען מיר נישט זוכן פעלערס ביי אנדערע וואס מ'דארף מתקן זיין, נישט דאס איז די עבודה זוכן ביי יענעם די פעלערס. **יעדער ביי זיך דארף וויסן, אז ס'פאסירט א זאך, ער דארף האבן א תיקון! עפעס איז דא ביי מיר אין שטוב וואס איך דארף אליין מתקן זיין, מיך, מיינע בני בית, נישטווארפן די שולד אז אנדערע זענען שולדיג. נאר טראכטן וואס קען זיין אז איך האב אויך א חלק אין די פאסירונג וואס ס'האט פאסירט.** וועט ער טראכטן ביי זיך, איך בין דאך נישט דער גרעסטער בעל עבירה, פאר מיינע עבירות קומט נאך נישט אזעלכע גרויסע עונשים. שטייט אבער אין די גמרא (קידושין מ:) אז העולם נידון אחר רובו, עשה מצוה אחת, אז מ'טוט איין מצוה, אשריו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות, קען ער מכריע זיין די גאנצע וועלט לזכות, אויב די וועלט איז מחצה על מחצה. עבר עבירה אחת א מענטש קען אמאל עובר זיין איין עבירה, און די וועלט איז געווען דעמאלטס מחצה על מחצה, אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף חובה. **יא, דיין אויפפירן אין שטוב קען אמאל זיין ס'האט מכריע געווען די גאנצע וועלט לכף חובה**, שנאמר (קהלת ט-יח) וחוטא אחד יאבד טובה הרבה, איין חוטה קען מאבד זיין א סך גוטס, בשביל חטא יחידי שעשה זה, זאגט די גמרא, וועגן איין חטא, אבד ממנו ומכל העולם טובה הרבה, קען מען פארלירן פון די וועלט טובה הרבה.

## ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך

**די** תורה הקדושה זאגט (דברים כג-טו), כי ה׳ אלקיך מתהלך בקרב מחניך, דער אייבערשטער גייט צווישן ענק, להצילך, דער באשעפער איז דיך מציל, ולתת אויביך לפניך, אבער די תורה פארלאנגט פון אונז איין זאך, והיה מחניך קדוש, דיין שטוב זאל זיין הייליג, ולא יראה בך, דער אייבערשטער זאל נישט זעהן ביי דיר, ערות דבר, א זאך פון ערוה, ושב מאחריך, ווייל דער אייבערשטער דרייט זיך אויס פון דארט און ער קערט אוועק פון די שטוב.

**די** תוה״ק איז אונז מודיע, **פריצות אין שטוב איז מרחיק פון אונז די שמירה פונעם אייבערשטן. אין א שטוב וואס דער אייבערשטער זעהט ערות דבר, לאזט ער עס איבער, ושב מאחריך, ער גייט אוועק פון דארטן, נישטא דארט קיין השראת השכינה. ס׳פעלט פון אזא שטוב פעלט די שמירה העליונה**, און יעדער דארף ביי זיך טראכטן וואס קען זיין ביי מיר אין שטוב וואס איך קען מתקן זיין אז ס׳זאל זיין א שמירה פונעם אייבערשטן דערויף.

## הפירצות של השייטלע״ן בימינו

**די** פירצה פון שייטלען. **שייטלעך פון האר, ווייסט מען אז רובם ככולם היינט זענען פון האר וואס איז פארבינדן מיט עבודה זרה ואביזרייהו. לאנגע שייטלעך וואס מ׳גייט, האבן אלע גדולי ישראל פון אלע קרייזן, גע׳אסר׳ט אז מ׳טאר נישט גיין דערמיט! אין גם אחד, דער שוואכסטער פוסק [אויב מ׳קען אזוי אנרופן] האט נישט געגעבן קיין היתר אז מ׳קען גיין מיט א לאנג שייטל. א שייטל וואס גייט לענגער פון די אקסל טאר מען נישט גיין דערמיט. כל שכן שייטלעך פון לעי״ס וואס איז דומה ממש צו די האר, מ׳דערקענט אינגאנצען נישט אז מ׳האט חתונה געהאט, וואס מ׳טאר נישט גיין דערמיט.** און די פירצה איז זייער גרויס! ס׳גייט און ס׳ווערט ערגער פון וואך צו וואך פאלט מען אדורך.

**אונז** ווילן מיר מגדל זיין ערליכע קינדער, יראים ושלמים, תלמידי חכמים, אבער אין א שטוב וואס איז נישטא קיין שמירה, ס׳איז יראה בך ערות דבר, ושב מאחריך, ס׳איז נישטא קיין שמירה, דער אייבערשטער איז נישט דארטן, איז נישט מעגליך אז מ׳זאל מצליח זיין אין די שטוב, ווען דער באשעפער געפינט זיך נישט דארטן.

## המקור לאיסור על שייטלע״ן הפרוצות

**עס** איז היינט צוגעקומען צו מיר יונגערמאן און ער זאגט מיר, איך טראכט אז מסתם וועט דער רב רעדן היינט וועגן שייטלען, איך וויל געבן צוויי באמערקונגען בנוגע פון דעם ענין. איינס, זאגט ער, ס׳איז דא ווייבער וואס פרעגן די מענער, דאס איז א דאורייתא? וואס מ׳זאגט אז מ׳טאר נישט אזוי גיין. דאס איז א דרבנן? דאס איז א חומרא? ס׳פעלט [זאגט ער] ידיעות וואס די מענער ווייסן נישט צו ענטפערן וואס דאס איז, מ׳ווייסט נישט וואס צו ענטפערן פאר זיי. ער טראכט, אפשר וואלט גוט געווען אז דער רב זאל רעדן און מרחיב זיין דער מקור פון דעם איסור פארוואס מ׳קען נישט אזוי גיין.

**איך** האב אים געענטפערט, ניין, איך דארף עס נישט מסביר זיין. **א מאן דארף ענטפערן פאר די ווייב, ס׳איז נישט קיין שום נפקא מינה צי דאס איז א דאורייתא, צי דאס איז א דרבנן, צי ס׳איז א חומרא, אויב די דעת פון ״כל גדולי ישראל״ איז, אז דאס איז א זאך וואס מ׳טאר נישט גיין דערמיט, דאס איז אונז מחייב מן התורה צו האלטן וואס זיי זאגן! לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל! ווען זי גייט פרעגן א שאלה אין איסורי נדה צי איסורי שבת, און מ׳זאגט זיי אז מ׳טאר דאס נישט טון, דארף מען נישט מסביר זיין און פרעגן צי דאס איז א דאורייתא צי א דרבנן, ווי דער מקור אין שו״ע דערפון איז? די גדולי ישראל האבן מברר געווען און זיי האבן געזאגט אז מ׳טאר נישט גיין אזוי, דאס איז גענוג א תשובה וואס דו האסט צו ענטפערן פאר דיין ווייב.**

**אבער** אז מ׳האט מיך מעורר געווען, וויל איך עס יא ארויסברענגען, און איך וויל עס געבן צו פארשטיין. מ׳זאל וויסן אז דער איסור שטייט נישט אין חומש, און ס׳שטייט נישט אין די גמרא, און ס׳שטייט נישט אין רמב״ם, און נישט אין שו״ע. ווייל דער מציאות אזוי צו גיין איז נישט געווען בעולם, ס׳איז נישט געווען אין די וועלט אזא זאך אז מ׳זאל דארפן שרייבן אז ס׳איז אסור אזוי צו גיין. **ס׳איז דא אסאך איסורים וואס ס׳שטייט נישט אין חז״ל. א טעלעוויזשא״ן צו האבן אין שטוב, שטייט אויך נישט אז מ׳טאר נישט אין די גמרא. ווייל ס׳איז נישט געווען. ווידיא׳ו, אינטערנע״ט, שטייט אויך נישט אין חז״ל אז מ׳טאר נישט, עס איז נישט דא קיין איין סעיף אין שו״ע וואס שטייט אז מ׳טאר נישט גיין דערמיט. ווייל ס׳האט נישט עקזיסטירט, דאס מיינט נישט אז ס׳איז מותר. און דאס קען נאך אלץ זיין א איסור דאורייתא ווען א מענטש טוט עס.**

## דברי החזון איש בגזירת החוק של ׳שירות לאומי׳

**און** איך וויל עס מסביר זיין. ס׳איז מיר אונטערגעקומען אונטער די האנט א ספר פון איינעם וואס האט זיך

געדרייט ביים חזון איש אין שטוב. ער שרייבט תולדות פונעם הייליגן חזון איש, און ער שרייבט דארט אזוי, וואס איך מיין אז ס׳ליגט א געוואלדיגן לימוד זיך צו לערנען אויף אסאך זאכן דערין.

**ווען** די מדינה האט זיך אויפגעשטעלט האט מען געוואלט מחייב זיין גיוס בנות, אז טעכטער דארפן גיין אין מיליטער. זיי האבן געזעהן אז זיי קענען עס נישט אדורכפירן, די גאנצע וועלט האט געשטורעמט, און עס איז אראפ פונעם סדר היום, אז מ׳קען נישט.

**זיי** האבן געזעהן אז דאס קענען זיי נישט ארויפצווינגען, האבן זיי געוואלט ארויפצווינגען "שירות לאומי" [האט עס געהייסן]. "שירות לאומי" איז דער טייטש, אז יעדע אידישע טאכטער וואס גייט נישט אין מיליטער, מוז אבער אוועקגעבן צוויי יאר, אנשטאטס מיליטער גיין, באדינען דעם באפעלקערונג [עברי מיט טייטש]. די רעגירונג וועט זיי איינטיילן זיי זאלן גיין ארבעטן פאר נורסע״ס, צי אין שפיטעלער, צי בתי חינוך וכדומה, טוהן ארבעט פאר די באפעלקערונג. זי מוז נישט אנטוהן קיין מיליטערישע בגדים, זי מוז נישט אוועק גיין שלאפן פון די עלטערן, זי קען אהיים גיין יעדע נאכט שלאפן אינדערהיים, נאר אנשטאטס גיין ארבעטן ווי דער סדר איז אין א אפיס ווען מ׳גייט ארויס פון די שולע, זאל מען ארבעטן פאר די רעגירונג צוויי יאר. און ס׳איז געווען אסאך וואס האבן געהאלטן אז מ׳דארף עס נאכגעבן, די פשרה איז א גוטע פשרה, ס׳איז דאך געווען פראבלעמען מיט גיוס, דאס זאל כאטשיג זיין ס׳וועט ערזעצן.

**דער** חזון איש איז ארויסגעגאנגען מיט א קאמף, און ער האט געזאגט ס׳איז יהרג ואל יעבור! מ׳זאל זיך לאזן הרג׳נען און נישט אננעמען קיין ארבעט פון שירות לאומי! און ער האט צוגעגעבן, ס׳איז נישט קיין חומרא און ס׳איז נישט קיין מליצה וואס איך זאג "יהרג ואל יעבור", נאר איך פסק׳ן "יהרג ואל יעבור" אז מ׳דארף זיך לאזן הרג׳נען און נישט עובר זיין. און מ׳האט זיך געוואונדערט, אזוי שארף ארויסצוגיין, יהרג ואל יעבור דארף זיין א זאך וואס איז א אפענע דין אין שו״ע, א דאורייתא, קען זיין יהרג ואל יעבור, אבער שירות לאומי, מ׳גייט ארבעטן, זי גייט ממילא ארבעטן, צי ארבעטן פאר די רעגירונג, צי ארבעטן פאר א פרעמדן, פאר דעם קומט נאך נישט קיין יהרג ואל יעבור.

**דער** חזון איש האט נישט אזוי געהאלטן. ער האט געהאלטן ס׳איז יהרג ואל יעבור. ער האט געהאלטן ווען א מיידל גייט ארויס ארבעטן פאר זיין פרנסה, איז זי אין רשות פון זיך אליין, אבער זי איז אין די רשות פון די עלטערן, דער טאטע שיקט איר, אדער ווען זי איז שוין עלטער גייט זי אליין ארבעטן. יעדער בעלות וואס א אידישע טאכטער, יעדע סארט צורה אויסער א טאטען און א מאן, האט זי א בעלות פון א פרעמדן מענטש, איז דאס גדרי זנות. א אידישע טאכטער קען נישט האבן קיין בעלות אויף זיך פון א פרעמדער מענטש, אויסער פון איר מאן אדער פון איר טאטען, אדער פון זיך אליין.

**און** ער האט געזאגט, אז די רעגירונג צווינגט צו גיין ארבעטן, און זי איז מחויב צו ארבעטן וואו די רעגירונג האט איר צוגעשטעלט, אז זי וועט הערן דארטן עפעס א זאך פון איר בעל הבית, וואס זי טאר נישט הערן, און זי האט נישט קיין ברירה צוצוקלאפן די טיר און אוועקגיין פון דארטן, זי מוז זיצן דארטן ווייל די רעגירונג איז דאך איר מחייב אז זי מוז זיצן דארטן, איז דאס יהרג ואל יעבור, דארף מען זיך לאזן הרג׳נען דערויף. מ׳קען נישט האבן אויף זיך א בעלות פון א פרעמדן מענטש, וואס צווינגט איר צו בלייבן דא ביז דער טאג גייט אדורך.

## החלק החמישי של השו״ע נמסר רק לחכמי ישראל

**שרייבט** ער דארטן, אז דער חזון איש האט אים געזאגט נאכדעם, אז ס׳איז געווען ביי אים צוויי מענטשן און זיי האבן געזאגט, זיי האבן אדורכגעקוקט דעם גאנצן שו״ע, ד׳ חלקי שו״ע, און זיי האבן נישט געטראפן קיין איסור פון יהרג ואל יעבור אויף "שירות לאומי", ווי קען ער זאגן אז מ׳זאל זיך לאזן הרג׳נען? אזוי האבן זיי פארגעהאלטן פאר׳ן חזון איש.

**האט** דער חזון איש געזאגט, **די הלכה שטייט מפורש, נישט אין ד׳ חלקי שו״ע, דאס שטייט אין פיפטן חלק פון שו״ע, און דער פיפטער חלק פון שו״ע האבן נאר גדולי ישראל, און עטס האטס נישט דעם שו״ע, ממילא טרעפט עטס נישט דעם דין!** אבער אין פיפטן חלק פון שו״ע וואס איך האב יא, דארט שטייט די הלכה אז ס׳איז יהרג ואל יעבור, עד כאן וואס ס׳שטייט דארטן.

**אבער** איך וויל עס מסביר זיין די ווערטער דערפון. לכאורה פון א פיפטן חלק אין שו״ע איז נאך נישטא קיין יהרג ואל יעבור, ס׳איז נאר א פיפטער חלק אין שו״ע. דער פשט דערפון איז, ס׳קען נישט זיין ארויסשטיין יעדע זאך אין די גמרא אין שו״ע וואס מ׳מעג טון און וואס

מ׳טאר נישט טון. זאכן וואס האט נישט עקזיסטירט, ס׳איז נישט געווען אזא מציאות בעולם, קען נישט זיין אז ס׳זאל זיין אפגע׳פסק׳נט אין שו״ע, צי מ׳מעג די זאך טוהן צו נישט. **אבער דער דעת תורה פון חכמי ישראל, וואס דאס איז דער פיפטער שו״ע, וואס איז איבערגעגעבן געווארן נאר פאר זיי, זיי זענען בכח מדמה צו זיין מילתא למילתא, אז דאס שטייט אין שו״ע אז מ׳טאר נישט טוהן, דאס איז די זעלבע ווי דאס, און אז דאס טאר מען נישט טוהן, האט עס אלע איסורים די זעלבע זאך אויף דעם וואס איז נוגע פאר דעם ענין.**

**דער** חזון איש מיט זיין געוואלדיגער כח התורה צו פארשטיין יעדע זאך, האט פארשטאנען אז אויף אביזרייהו של גילוי עריות איז דא אן הלכה פון יהרג ואל יעבור, בעלות אויף א אידישע טאכטער, וואס פארא אופן ס׳וועט זיין, אויב ס׳איז נישט פון איר מאן און ס׳איז נישט פון איר טאטן, איז דאס נכלל אין גדרי זנות, דאס איז אביזריהו דגילוי עריות, וואס איז יהרג ואל יעבור! ס׳מוז נישט שטיין אלע פרטים אין שו״ע וואס איז אביזרייהו דגילוי עריות. דאס וועלן חכמי ישראל אפ׳פסק׳נען וואס איז אביזריהו. און ער האט געהאלטן אז ס׳איז יהרג ואל יעבור.

**לענינינו,** די תורה האט גע׳אסר׳ט אז א אשה וואס האט חתונה געהאט טאר נישט גיין אויפגעדעקט די האר, גילוי ערוה אזוי רופט עס אן די תורה. קומען חכמי ישראל און זאגן, ס׳איז נולד געווארן א נייע זאך היינט, ס׳איז דא שייטלעך. אונז האלט מיר, **אז א לאנג שייטל וואס קוקט אויס אזוי ווי האר און מ׳קען נישט דערקענען צי זי איז א אשה נשואה צי נישט, א לעי״ס שייטל איז ביי אונז אזוי ווי א אשה וואס גייט ארויס אן א דעק אויף די האר! די זעלבע סיבה פארוואס די תורה האט גע׳אסר׳ט אז מ׳טאר נישט גיין מיט אפענע האר, איז ביי דעם אויך דא. די מציאות׳ן זענען די זעלבע, די תוצאות זענען די זעלבע.**

**איז** דאס וואס זיי זענען מדמה מילתא למילתא, איז אונז ״מחייב״ אז וואס ס׳שטייט אז מ׳טאר נישט ארויסגיין מיט אייגענע האר, האר וואס זעהן אויס די זעלבע, דאס איז אייגענע האר! אפילו ס׳שטייט נישט אין שו״ע, איז עס נאך אלץ די זעלבע איסור דאורייתא וואס מ׳טאר נישט גיין! ווייל די תורה האט געזאגט אז מ׳טאר נישט אזוי גיין, און די חכמים האבן פארשטאנען היינט אז דאס איז ממש דומה צו וואס מ׳האט גערעדט.

**און** אפילו ס׳שטייט נישט אין שו״ע, אבער דער פיפטער חלק אין שו״ע, מדמה זיין מילתא למילתא דאס איז איבערגעגעבן געווארן פאר חכמי ישראל, און בעלי בתים האבן נישט דעם פיפטן חלק פון שו״ע, **דער חלק איז נישט איבערגעגעבן געווארן פאר בעלי בתים און ס׳איז נישט שייך צו דינגען זיך דערויף, ס׳איז נישט שייך צו פרעגן דערויף, און אזוי דארף מען זיך פירן.**

**ווען** די תורה זאגט ולא יראה בך ערות דבר, די תורה זאגט ס׳זאל נישט זעהן ביי ענק אין שטוב זאל נישט זיין קיין ערות דבר, מ׳טאר נישט גיין מיט קיין פריצות. **די תורה זאגט אז מ׳טאר נישט זעהן זאכן של ערוה, איז ״דעת תורה״ זאגט, אז א טעלעוויזיע, אינטערנעט און די שייטלעך וואס קוקן אויס אזוי ווי ערוה, האט די זעלבע הלכה, און אויף דעם איז נכלל אינעם פסוק ולא יראה בך ערות דבר ושב מאחריך, מיינט יעדע זאך וואס די חכמים פארשטייען אז דאס איז ערות דבר, ליגט עס אינעם חומש אז מ׳טאר עס נישט טוהן!**

## נסיונות של הנשים לשנות השייט״ל עצומים מאוד, וצריכים חיזוק מבעליהן

**די** צווייטע באמערקונג האט ער מיר געזאגט. די נסיונות פון די נשים זענען זייער גרויס וועגן די שייטלעך. מ׳זעהט אז די חבר׳טעס גייען אזוי. משפחות מיוחסות בישראל, און מ׳גייט אזוי אנגעטוהן, ס׳איז שווער אז מ׳זאל זיך קענען צוריקהאלטן, איך בין אנדערש, נישט אזוי צו גיין. ״מען פארגעסט אז דער גיהנום איז גענוג גרויס פאר אלע צוזאמען, יעדער קען אנקומען״! - אפילו זיי זענען באוויליגט צו טוישן זיך, זיי פארשטיין אז ס׳איז נישט ריכטיג צו גיין וויאזוי זיי גייען, ס׳איז אבער שווער פאר זיי הלכה למעשה צו פועל׳ן ביי זיך אז זיי זאלן זיך קענען טוישן, און זיי דארפן האבן חיזוק דערויף אז זיי זאלן זיך קענען טוישן.

**דער** חיזוק קענען זיי נישט באקומען, נאר פון די מענער! קיינער קען זיי נישט געבן קיין חיזוק אין דעם אז זיי זאלן זיך טוישן וויאזוי זיי גייען אנגעטוהן. אדער פון די מענער בעיקר, און פון די עלטערן זייערע. און טאמער דער מאן געט עס נישט פאר איר, דעם חיזוק אז זי זאל זיך טוישן, אדער ער איז נישט מגיב, ער מאכט זיך נישט צוטון, גייסט אזוי, גייסט אזוי, ער זאגט נישט קיין מיינונג דערויף, קענען זיי נישט עומד בנסיון זיין! זיי האבן נישט די כוחות אז זיי זאלן זיך קענען טוישן.

**און** די מענער דארפן דאס וויסן, אז ס׳איז תלוי אסאך אין זיי. **זיי זענען מחויב צו זאגן אין שטוב, פאר די בני בית,**

**אונז זענען מיר כפוף לדעת תורה! דעת תורה האלט אז מ׳טאר נישט אזוי גיין! און זיי וואלטן געווען זייער צופרידן זיי זאלן זעהן א שינוי.** איך זאג נישט מ׳זאל זיך שלאגן, איך זאג נישט מ׳זאל זיך קריגן דערויף, אבער ער מוז געבן דעם חיזוק אז זי זאל קענען אנהאלטן און זיך קענען טוישן.

## נשים חרדיות אצל חוף הים בפלאריד״א

**ולא** יראה בך ערות דבר, מ׳פארט אויף פלארידע, איך בין נישט דארט געווען, אבער כפי השמועה זאגט מען, אז היימישע אידענעס זיצן ביי די ביטשע״ס, און זיי זענען זיך מצדיק אז זיי גייען אנגעטוהן צניעות׳דיג, אזוי מעגן זיי זיצן. ס׳איז לא יראה בך ערות דבר, ס׳איז די זעלבע איסור איז דא פאר א מאן און פאר א פרוי זיך צו געפינען אויף אזא פלאץ.

## כלי הסמארטפאו״ן ותוצאותיו

**סמארט-פאון**, אפילו ביי די מענער, אויב ס׳האט נישט קיין פילטער אויף זיך איז עס ״אבי אבות הטומאה״ די כלי. מיט א פילטער איז עס נאר א ״אב הטומאה״, אבער אן ״אב הטומאה״ איז עס נאך ווייטער, ס׳איז מטמא אדם ובגדים.

**מ׳זעהט** דערויף, טאג טעגליך, זאכן וואס איז קעגן די תורה. אפגעשפעט פון דברים שבקדושה, בעקיפין. מ׳ווערט צוגעבינדן, מ׳ווערט עדיקטע״ט דערצו. **יעדער איינער וועט מודה זיין אז ווער ס׳האט אנגעהויבן זיך צו באנוצען מיט די סמארט-פאון, האט ער זיך געטוישט אין וואס ער איז געווען פארדעם, ס׳וועט זיך קיינער נישט דינגען דערויף, אז ער איז געבליבן דער זעלבער ערליכער איד ווי ער איז געווען פאר דעם. זיין יראת חטא, זיין דביקות אינעם אייבערשטן, איז אראפגעגאנגען פון וואס ס׳איז געווען פארדעם!**

## להתבונן בתכלית החיים, לידע מה חובתו בעולמו

**אונז** דארפן מיר נעמען א פאר מינוט זיך מתבונן זיין, מה חובתו בעולמו. פארוואס זענען מיר אונז דא אויף די וועלט? פארוואס דרייען מיר זיך ארום דא? וואס איז דער תכלית פון אונזער לעבן? פארוואס געפין איך זיך דא אויף דעם עולם? אונז זענען מיר דאך מאמינים בני מאמינים, ס׳רעדט מען דאך פון היימישע אידן, אונז גלייב מיר דאך אלעס וואס חז״ל זאגן. ס׳איז דאך א פארגענגליכע וועלט, עולם הזה איז א עולם עובר, אט אט לאזט מען עס איבער, ימינו כצל עובר, כצל עוף הפורח, דאס לעבן גייט דאך אוועק אזוי ווי א צל העוף הפורח. מיט וואס פארברענגסטו דיינע טעג? די טייערע טעג!

**מי** שטרח בערב שבת יאכל בשבת. די וועלט איז דאך נאר געגעבן געווארן זיך צוצוגרייטן אויפן יום שכולו שבת. צום סוף לייגט מען אזויפיל טייער צייט וואס גייט לבטלה. מ׳איז טרוד א גאנצען טאג מיט הבלי הבלים, מתי אעשה גם אנכי לביתי! **א מענטש דארף טראכטן, איך דארף זיך דאך צוגרייטן אויפן עולם שכולו טוב, ס׳איז דאך נאר די פאר יאר וואס איך געפין זיך דא, התקן עצמך בפרוזדור כדי שתכנס לטרקלין. ס׳ווארט פאר אונז זייער א שיין לעבן, א חיים נצחיים אויף לעולמי עד, א קורת רוח בשעה אחת איז מער ווי כל חיי עוה״ז, פארוואס זאל מיר אונז מפסיד זיין עס בידים די שיינע חשוב׳ע טעג וואס אונז האבן מיר ווען אונז געפינען זיך אויף די וועלט.**

**שטייט** אין מדרש (ויק״ר כג-יג), כל מי שעוצם עיניו ברע, ווען א מענטש מאכט זיך צו די אויגן ווען ס׳קומט פאר אים א זאך וואס מ׳דארף נישט צו זעהן, זוכה להקביל פני השכינה, וועט ער זוכה זיין פאר די עצימת עינים דער באשעפער וועט אים ווייזן, דו וועסט קענען מקבל זיין פני השכינה, דכתיב, זאגט דער מדרש, ועוצם עיניו מראות ברע שטייט נאכדעם אין פסוק מלך ביופיו תחזינה עיניך. **פארוואס זאל מען נישט טראכטן, וואס פארטויש איך, א סמארטפאו״ן פארטויש איך פון מקבל זיין פני השכינה?!**, איך קען זיין א עוצם עיניו מראות ברעה, פאר יעדע מאל וואס איך טו זיך מונע זיין אז איך קוק נישט וואס איך דארף נישט, בין איך זוכה נאך א קבלת פני השכינה, פארוואס זאלן מיר אונז פארטוישן וועגן הנאה פון א רגע, א הנאה פון ראיית פני השכינה וואס איז לנצח נצחים!

**ס׳ליגט** אויף אונז א חיוב צו מאכן יו-טור״ן, אנהייבן זיך צוריק דרייען. אונז זענען מיר זייער פארבלאנדזשעט געווארן פון תענוגי עוה״ז, מ׳דארף זיך צוריק דרייען, אנהייבן איבערצולאזן צוביסלעך דאס נאכגיין נאך געלט, געלט, געלט, אלעס ליגט אין דער קאפ רדיפות הון. מ׳ליגט אין תענוגי בני אדם, מ׳דארף זיך איבערגעבן פאר עבודת ה׳, זיך מתרחק זיין פון די אלע כלים און די זאכן וואס דערווייטערן אונז פונעם אייבערשטן.

## להתאמץ יותר בלימוד התורה, ובלקיחת הבחינות בכל חודש

**די** ערשטע זאך איז, לימוד התורה. **יעדער דארף האבן א קביעות עתים לתורה. נעמען אויף זיך, זיך מחבר זיין צו האבן א עול אין איינע פון די חבורות וואס איז דא אין די שטאט.** איז דאס ביי אונז אין די קהילה ״ובהם נהגה״,

איז דאס "דרשו", "תורתך שעשועי", "זכרו", ס'איז נישט קיין נפקא מינה וויאזוי דער נאמען דערפון איז. **נישט געגנוג מיטצוהאלטן דעם שיעור, איך וויל נעמען בחינות יעדן חודש, איך זאל ליגן אין לערנען, איך זאל וויסן וואס איך האב געלערענט.**

## לכו ונשובה אל ה'

**אלכה** ואשובה אל אישי הראשון כי טוב לי אז מעתה. עס איז אסאך און אסאך שענער די דרך התורה ווי יענער וועג, ווי מ'האט פריער גערעדט, ווער ס'איז שוין געווען דארטן און ער איז צוריק געקומען, איז מעיד אז מ'האט גארנישט פארלוירן ביי זיי, דא איז דער גליק פון דעם מענטשנ'ס לעבן אויף די וועלט. לכו ונשובה אל ה' כי הוא טרף וירפאנו, דער באשעפער האט אונז געשטראפט, דער באשעפער וועט אונז היילן, יך ויחבשנו, ער האט אונז געשלאגן, ער וועט אונז באנדאזשירן.

**אידישע** שטיבער זענען דאך מלאים צרות. חולי ישראל זענען מרובים אין אלע ווינקלעך, קראנקע. פרנסות זענען מצומצם. שידוכים גייט שווער אין זייער אסאך שטיבער. צער גידול בנים וואס אונז האבן מיר פון די קינדער. כלל ישראל איז ארומגענומען מיט אזויפיל פראבלעמען, מ'פאדערט עפעס פון אונז, אם תלכו עמי קרי, ס'איז נישט א זאך וואס ס'האט פאסירט. מ'דארף דאך טראכטן, ס'קומט מיט א חשבון פונעם אייבערשטן, מ'דארף זעהן וואס אונז קענען מיר טוהן מתקן זיין בפועל אונזערע מעשים. נעמען אויף זיך עפעס אן הוספה אין מצוות ה', דעמאלטס האבן מיר אונז אן הבטחה אז ה' אלקיך מתהלך בקרב מחניך להצילך.

## גם כשקשה לשנות דרכו, יתחיל עכ"פ בדבר מועט

**איך** וויל אבער געבן חיזוק. ס'איז דא אמאל וואס מ'טראכט ביי זיך, ס'איז שווער צו טוישן מיין סטייל פונעם לעבן. איך האב שוין איסגעשטעלט, איך בין שוין אזוי צוגעוואוינט, אלעס איז ביי מיר מסודר אזוי, איבער צודרייען מיך, און כל שכן ווען ער דארף איבערדרייען די שטוב מיט די בני בית, איז געוואלדיג שווער. אבער יעדער קען אביסל שטייגן. אפילו ער קען נישט איבערארבעטן אינגאנצן, אבער ער קען צוגעבן הוספות, אנהייבן צוביסלעך צוביסלעך זיך צו טוישן. אנהייבן קודם מיט זאכן וואס ער קען יא באוויזן, וואס ער שפירט זיך גרינג אז ער קען עס טוהן.

## אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יו"ם יו"ם

**ס'איז** דא א פסוק אין משלי (ח-לג), שמעו מוסר וחכמו, הערד צו מוסר און קלוגטס ענק, ואל תפרעו, זייטס נישט מבטל די מוסר, אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום, דער אייבערשטער זאגט וואויל איז דער מענטש וואס הערט מיך צו, צו שטיין ביי מיינע טירן טאג טאג. דער פשט דערפון איז, ישראל קדושים הערן צו מוסר, מ'איז דאך געקומען וועגן דעם, ווייל מ'וויל הערן, איז דאך א סימן אז באמת וויל מען זיין גוט, אבער אסאך מאל ווען מען ענדיגט א דרשה און מען גייט אהיים, טראכט מען ביי זיך, זייער שיין געווען וואס מ'האט געהערט, אבער ס'איז מיר זייער שווער אויסצופירן וואס מ'האט גערעדט. ס'איז מיר זייער שווער אוועקצואווארפן מיין סמארט-פאון. ס'איז מיר זייער שווער צו טוישן די שייטלעך. ס'איז מיר זייער שווער צו אונטערנעמען א שיעור אין תורה און כדומה וכדומה שוועריקייטן וואס ער האט. ער שפירט יצרו מתגבר עליו, מיין יצר איז שטערקער פון מיר, איך האב נישט דעם כח צו מאכן א שריט איך זאל זיך קענען טוישן.

**אמת,** ס'איז נישט גרינג. אבער דעסטוועגן דאך, **אפילו מען קען נישט מתקן זיין אלעס אויף איינמאל, אבער נעם אויף דיר באטשיג אביסל, וואס דו קענסט יא, יעדער מענטש קען דאך עפעס זיך שטייגן און בעסער ווערן פון וואס ער איז געווען, און נאכדעם איז בא לטהר מסייעין אותו וועט דער אייבערשטער אים צוהעלפן ער וועט אנקומען ווייטער.** אדם מקדש עצמו מעט מלמטה מקדשין אותו הרבה מלמעלה. הייב אן מיט א קלייניגקייט, וואס דו קענסט יא, מארגן וועסטו צוגעבן נאך מער.

**זאגט** שלמה המלך, שמעו מוסר האלטס ענק נישט צוריק, הערטס מוסר, וחכמו, און פירטס ענק ווי א חכם, איזהו חכם הלומד מכל אדם, לערנען זיך פון יעדן איינעם וואס מ'הערט, ואל תפרעו, זייטס נישט מבטל און זאגן: ס'איז מיר נישט מעגליך אויסצופירן דאס וואס מ'האט גערעדט יעצט, איך קען זיך נישט טוישן, איך בין שוין צוגעוואוינט אזוי. ווייל איך בעט נישט פון ענק עטס זאלטס ענק טוישן אינגאנצען. ס'איז דיר שווער, טויש דיך נישט. וואס בעט איך פון ענק, אשרי אדם שומע לי, וואויל איז דעם וואס הערט מיר צו, לשקוד על דלתותי, צו גיין אויף די דרכי התורה, יום יום, הייב אן היינט אביסל און מארגן נאך אביסל. איך בעט נישט אלעס זאלסטו טוהן היום היינט, נאר יום יום, הייב אן היינט אביסל, דאס איבריגע טוה

מארגן, און דאס קען יעדער טוהן! יעדער קען ארויסגיין פון דא היינט מיט עפעס א קבלה וואס איך גיי טוישן פון וואס ס'איז געווען פאר דעם.

## לעשות שינויים לטובה בכלי הטעכנאלאגיע והשייטלע"ן

**ס'איז היינט דא טויזנטער יונגעלייט וואס האבן נישט קיין סמארט-פאון. ס'איז אסאך שענער ווי ס'איז געווען אמאל. זייער שטוב איז ריין דערפון, נישט זיי און נישט די בני בית. עטס מיינטס ס'פעלט זיי עפעס? זיי האבן גארנישט קיין שאדן געהאט פון וואס זיי פירן זיך! זיי האבן פארדינט, זיי לעבן א רוהיג לעבן, זיי האבן אסאך שעות וועגן דעם מקדיש געווען פאר תורה וואס מ'איז פריי פון אלע נייעסער וואס מ'דארף צו הערן. זייערע שמירת עינים איז געשטיגן. זייער שמירת מחשבה איז געשטיגן פון אלעם וואס מ'זעהט דארט. - פרוביר צו זיין איינער פון די חבורה. נעם דיר אויף דיר, איך וויל אויך זיין הייליג. איך וויל אויך זיין עוצם עיניו מראות ברע, איך וויל זוכה זיין צו קבלת פני שכינה.**

**אבער** אפילו דו שפירסט ביי דיר, דו ביסט נאך נישט דערביי, איך קען עס נאך נישט טוהן, אבער דו קענסט דאך מאכן געוויסע גדרים, געוויסע זאכן, הייב אן צוביסלעך, **אין מיין שטוב קומט עס נישט אריין על כל פנים. ס'איז נאר אינדרויסן, איך ברענג עס נישט אריין אינדערהיים, איך לאז עס אין די קאר, איך לאז עס אין די ביזנעס. ווען איך שטיי אויף צופרי, א שעה פאר'ן דאווענען, א שעה נאכן דאווענען נעם איך עס נישט ארויס.** דו קענסט אנהייבן צו טוהן, מ'קען זיך בעסערן. מ'מוז נישט אלעס טוישן פון איין מינוט אויף די אנדערע. אבער מען קען זיך מאכן געוויסע גדרים וסייגים צוביסלעך.

**שייטלעך, וואויל איז ווער ס'קען פועל'ן ביי זיך אין שטוב אז מ'זאל גיין נאר מיט אן סענטעטיש שייטל, און נישט אריינברענגען תועבות עבודה זרה אינדערהיים. אבער אפילו ער קען עס נישט פועל'ן, ער איז נאך נישט אין די מצב און די מדריגה ער זאל עס קענען אויספירן יעצט, אבער עכ"פ נעם אויף דיר, איך גיי באטשיג עפעס קורצער מאכן מיין שייטל. עפעס, א אינטש, צוויי, דריי, הייב אן מיט א קלייניגקייט, אי"ה שפעטער ווערסטו פרובירן נאך אביסל אראפצונעמען דערפון א.א.וו.** דאס איז א משל, אין יעדע דבר שבקדושה קען זיך א איד דערהייבן. איז דאס תורה, איז דאס תפילה, וכדומה, אשרי אדם שומע לי לשקוד על דלתותי יום יום, הייב אן קודם איין טאג אזוי, און מארגן וועסטו ווערן נאך מער.

## בשעה שהחכם יושב ודורש הקב"ה מוחל עונותיהם

**נו,** עס זיצט דא אזא חשוב'ער ציבור, פון יראי ה' וחושבי שמו, מען איז זיך צוזאמגעקומען צו הערן מוסר, ווער ס'געפינט זיך דא היינט אין ביהמ"ד, איז אין כלל פון די וואס שטייט אין מדרש (שוח"ט משלי י-יז), בשעה שהחכם יושב ודורש והעם שומעים, אז מ'קומט זיך צוזאם צו א דרשה און מ'הערט, הקב"ה מוחל עונותיהם, ס'איז דא א זמן פון מחילת עונות. אונז קען מיר אוועקגיין דא פון דעם ביהמ"ד ריין פון אונזערע עונות, מ'איז געזעסן דא צוויי דריי שעה, און אוועקגעגעבן אויף צו הערן מוסר.

**ס'געפינט** זיך יעצט דא אן השראה פון קדושה. מען האט מספיד געווען אזויפיל גדולי ישראל וואס אונז האבן מיר פארלוירן, וואס אונז זענען מיר געווען נאנט צו זיי. אין די גמרא (שבת קנג.) שטייט, אז ווען מען איז מספיד א חכם איז דער חכם דארט אין ביהמ"ד בשעת מ'איז מספיד, אחים בהספידא דהתם קאימנא, ס'איז א געוואלדיגער עת רצון יעצט פאר פתיחת הלב צו פארשטיין וואס איז אונזער לעבן, הם חיינו ואורך ימינו, נאר תורה דאס איז אונזער לעבן, און ארויסגיין פון דא מיט א גוטע קבלה על העתיד.

**ס'איז** דאך ימי שמחה, משנכנס אדר איז דאך מרבין בשמחה. דער אייבערשטער זאל דערפרייען די הערצער פון אידישע קינדער, אונז זאלן מיר אלע געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב, פרנסה בהרחבה פאר יעדן איינעם. גוטע שידוכים פאר די קינדער. מגדל זיין זיי בנחת מתוך שמחה וטוב לבב. רפואות און ישועות.

**און** ענדיגן מיט א ברכה, זאלן מיר זוכה זיין שיתקיים בנו חכמי ישראל, דער באשעפער זאל געבן אריכות ימים ושנים פאר די ערליכע אידן, די חכמי ישראל, די צדיקים, וואס איז געבליבן נאך צווישן אונז. ס'זאל נתקבל ווערן די תפילות וואס מען בעט פאר די רפואה פון קאסוב'ער רבי'ן וואס ער טוט אזויפיל מרביץ תורה זיין, קדושה און טהרה פאר'ן כלל ישראל. כימי מור והדס הושעת בניך, זאלן מיר זוכה זיין איניינעם צו קעגן גיין משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

ניתן לשמוע הדרשה במילואו - חלק הדרוש • הספדים • דברי מוסד והתעוררות
במערכת "קול מעדני מלך וויען" 718.400.7710-7

ההפצה נדבת, הס"ד הי"ו, לתועלת הרבים